סטעפן קראָג

# צוויי אַלט־נייע יידישע ראָמאַנען פון דער חרדישער סביבה (באַטראַכטונגען פון אַ לינגוויסטישן שטאַנדפונקט)

כידוע האָט די צאָל געבוירענע יידיש־רעדערס צווישן וועלטלעכע יידן זיך ביז גאָר געמינערט במשך פון די לעצטע דורות. די הויפּט־סיבות זענען באַקאַנט: חורבן און אַסימילאַציע. וועלטלעך יידיש ווערט היינט־צו־טאָג גערעדט פון וואָסאַמאָל קלענערע גרופּעס עלטערע מענטשן און זקנים, לעבן געבליבענע נאָכן חורבן, און פון אַ גאָר ווייניק וואַקסנדיקער צאָל יינגערע פאַרברענטע יידישיסטן. ביי די צו־לעצט דערמאָנטע, וואָס ציען זייער יידיש־יניקה פון אָרגאַניזאַציעס ווי **יידיש־ליגע** און **יוגנטרוף**, פון זומערקורסן און אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי **יידיש־וואָך** און **קלעזקעמפּ**, איז יידיש אין ס׳רוב פאַלן שוין ניט קיין מוטערשפּראַך, נאָר אַ מין עספּעראַנטאָ.

דאַקעגן זשע צווישן די חרדים איז יידיש אָפּטמאָל געבליבן די טאָג־טעגלעכע שפּראַך פון יונג און אַלט. בעת ביי די וועלטלעכע יידן איז יידיש אַלץ מער געוואָרן אַ מניעה אויפן וועג צו אַסימילאַציע, איז עס אין דער חרדישער סביבה געוואָרן אַ בולטער מחיצה־מיטל קעגן אַסימילאַציע. פאַרשפּרייט איז יידיש היינט קודם־כל ביי די סאַטמאַרער און ליובאַוויטשער חסידים, די צוויי גרעסטע חרדישע גרופּעס, אין זייערע ישובים אין אַמעריקע, ישראל, ענגלאַנד, בעלגיע און אַנדערע לענדער. אַדאַנק דעם, וואָס זייערע משפּחות נעמען אַרום אין דורכשניט אַכט ביז צען קינדער, וואַקסט פון יאָר צו יאָר זייער צאָל. איז ווער עס האָט שטאַרק מורא, אַז די יידישע שפּראַך וועט ניט האָבן קיין המשך, מעג שוין אַ ביסל ווייניקער זאָרגן.

ביידע גרופּעס, אי די סאַטמאַרער, אי די ליובאַוויטשער, גיבן אַרויס שריפטן אויף יידיש אין כלערליי זשאַנערן. אַלץ מער באַליבט זענען אין די לעצטע יאָרן געוואָרן פאַרווײַלנדיקע ראָמאַנען פון מחברים, וואָס אָדער זיי זענען אַליין סאַטמאַרער אָדער זיי געהערן צו אַנדערע, קלענערע חרדישע גרופּעס, וועלכע שטייען־צו צו די סאַטמאַרער. מחמת דעם, וואָס די דאָזיקע מחברים האָבן אַ נייגונג זיך צו באַהאַלטן הינטער פּסעוודאָנימען, איז עס געוויינטלעך אוממעגלעך געוואויר צו ווערן, ווער זיי זענען אינדעראמתן, און וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבן צו די סאַטמאַרער גופא. וואָסערע אונטערשיידן עס זאָלן ניט זיין צווישן די מחברים פונעם סאַטמאַרער ציבור, איז די שפּראַך פון זייערע געדרוקטע ווערק זייער איינהייטלעך. איר אויסלייג איז גאַנץ ענלעך צו יענעם, מיט וועלכן מ׳האָט געדרוקט יידיש אין מיזרח־אייראָפּע און אין אַמעריקע אינעם ערשטן פערטל פונעם 20טן י״ה. אָבער וואָס שייך שפּראַך ממש שיידט זי זיך אונטער פון יענעם יידיש מיטן איינפלוס פון לעקסישע און גראַמאַטישע שטריכן פונעם אַזוי גערופענעם

אונגאַרישן יידיש. דאָס הייסט יענער מין יידיש, וואָס מע האָט גערעדט פאַרן חורבן און מ׳רעדט צום־טייל נאָך אַלץ אין אונגאַרן גופא און אין די אַמאָליקע אונגאַרישע שטחים, דערעיקרשט אין מערב־רומעניע, צפון־רומעניע און אין די ״רוסישע״ קאַרפּאַטן (היינט אַ טייל פון אוקראַינע).

אין דער איצטיקער אַרבעט בין איך אויסן לינגוויסטיש צו באַטראַכטן די בהדרגהדיקע אַנטשטייאונג פון צוויי ראָמאַנען אויף יידיש, וועלכע זענען אַרויס אין די לעצטע 10-12 יאָר אין דער ניו־יאָרקער סאַטמאַרער סביבה. ניט געקוקט דערויף, וואָס לגבי אינהאַלט זענען זיי שטאַרק פאַרשידן, איז אָבער דער אופן ווי־אַזוי זיי זענען געשאַפן געוואָרן כמעט דער זעלביקער און אַלס אַזעלכער איז ער אייגנאַרטיק פאַר דער חרדישער קינסטלערישקייט.

## 1. די חרדישע ראָמאַנען און זייערע מקורים

### א. אַרום די וועלט אין אַכציג טעג

דער ראָמאַן **אַרום די וועלט אין אַכציג טעג** איז דערשינען אינעם ברוקלינער פאַרלאַג ״הוצאת חן״ און ער נעמט אַרום 447 זייטלעך, וואָס זענען צעטיילט אויף אַ פאָרוואָרט, 36 קאַפּיטלען און אַן עפּילאָג[1]. דער פולער אונטערקעפּל פונעם ראָמאַן באַשרייבט עס בזה־הלשון:

> אַ שפּאַנענדע ערציילונג פול מיט שטורעמדיגע מאָמענטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מער ווי 130 יאָר צוריק, ווען אַן ענגלישער דזשענטלמאַן האָט זיך פאַרמאָסטן אַרומצופאָרן די גאַנצע וועלט אין בלויז אַכציג טעג, אַן אומדערהערטע ערשיינונג אין יענע צייט.

זיין מחבר רופט זיך יואל בערמאַן און ווער עס איז נאָר אַ ביסל באַהאַוונט אין וועלט־ליטעראַטור פון די לעצטע 150 יאָר, שטויסט זיך אָן אויף זיין מקור גלייך ביים דערזען דעם טיטל. און טאָמער איז דאָס ניט אינגאַנצן קלאָר פונעם שער־בלאַט, כאַפּט מען זיך אויף ז. 15, וואו ס׳ווערט פאָרגעשטעלט דער הויפּט־פאַרשוין, פילעאַס פאָגג (Phileas Fogg), אַז דאָס ווערק מוז האָבן אַ גאָר נאָענטע שייכות מיט זשול ווערנס וועלט באַרימטן ראָמאַן פון 1873 מיטן זעלביקן נאָמען[2]. און דערפאַר קער דער אָנגעגעבענער מחבר זיין אַ פּסעוודאָנים, וואָס זיין פאָרעם זאָל אפשר מרמז זיין אויף דעם נאָמען פונעם מחבר פון דעם פראַנצויזישן אָריגינאַל; עלעהיי אַ מין פאַריידישונג פון Jules Verne אויף ״יואל בערמאַן״.

אַ פאַרגלייך צווישן די צוויי טעקסטן, **אַרום די וועלט אין אַכציג טעג** און זשול

1 די טיטלען פון די ווערק און אַנדערע ביבליאָגראַפּישע פּרטים ווערן דאָ געברענגט אַזוי ווי זיי באַווייזן זיך אויף די שער־בלעטער.

2 *Le tour du monde en quatre-vingts jours.*

ווערנס פראַנצויזישן ראָמאַן, באַשטעטיקט, אַז דאָס איז טאַקע אַ באַאַרבעטונג פון זשול ווערנס ראָמאַן, אָבער צוליב דעם, וואָס ביידע טעקסטן זענען בשום־אופן ניט אידענטיש, איז ניט קלאָר, צי דער פראַנצויזישער אָריגינאַל איז טאַקע דער דירעקטער מקור פונעם חרדישן ראָמאַן פון 2001, אָדער עס איז געמאַכט געוואָרן פון אַן אַנדער איבערזעצונג. פּרואווונדיק צו געפינען אַן ענטפער אויף אָט־דער פראַגע האָב איך געזוכט עלטערע יידישע איבערזעצונגען פון זשול ווערנס ראָמאַן און געפונען צוויי: איינע, אַרויסגעגעבן פון א. טאַנענבוים (1848-1913), מסתמא אַרום 1910 (שוין אינעם צווייטן יאָרצענדליק פונעם 20טן י״ה), מיטן טיטל **אַ רייזע אַרום דיא וועלט אין 80 טעג** מיט דעם פאָלגנדיקן אונטערקעפּל: ״אַ אינטערעסאַנטע, אַנציעהענדע אונד בעלעהרענדע רייזע בעשרייבונג פון אינדיען, כינאַ, יאַפּאַן אונד נאָרד־אַמעריקאַ״, און אַ צווייטע, אַרויסגעגעבן פון אַן אומבאַקאַנטן מ. גרין אין וואַרשע אַרום 1925, מיטן טיטל **אונטער דער זון פון אפריקע אָדער אַ נסיעה אַרום דער וועלט אין 80 טעג. וויסנשאַפטלעכער ראָמאַן.**

נאָכן פאַרגלייכן די דריי יידישע נוסחאות, דעם נייעם פון 2001 און די צוויי עלטערע פון די 1910ער און 1920ער, קען מען דרינגען, אַז דאָס האָט בערמאַן ניט איבערגעזעצט דעם פראַנצויזישן אָריגינאַל, נאָר פּשוט איבערגענומען און איבערגעאַנדערשט טאַנענבוימס נוסח. די צאָל פּאַראַלעלן צווישן בערמאַנס און טאַנענבוימס נוסחאות זענען אַזוי גרויס, אַז קיין צופעליקייט קאָן דאָס ניט זיין. אין דער זעלבער צייט ווייזן די פילצאָליקע אונטערשיידן צווישן בערמאַן און גרין, אַז גרינס איבערזעצונג האָט ניט געדינט אַלס מקור פאַר בערמאַנס בוך[3].

## ב. אליין אין וואלד...

דער ראָמאַן **אליין אין וואלד** מיטן אונטערקעפּל ״א אמת׳דיגע געשיכטע פון די דראמאטישע און שפאנענדע איבערלעבונגען פון שלמה מיימון״ איז לויטן שער־בלאַט פאַרפאַסט געוואָרן פון ישראל מענדלאָוויטש און ער איז אַרויס אין 1998 אינעם ברוקלינער פאַרלאַג ״אור ישראל פּאַבלישינג״. ער נעמט אַרום 54 קאַפּיטלען און אַן ״אויספיר״, סך־הכל 855 זייטן, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן דעם לעבנסוועג פונעם באַוואוסטן יידישן פילאָסאָף שלמה מיימון (1800-1753).

אויפן ערשטן קוק איז שווער געוואויר צו ווערן, אַז **אליין אין וואלד** איז ניט קיין אָריגינעלע שאַפונג. מע לייענט איבער דעם ראָמאַן און מ׳איז זיך מחיה מיטן פאַרכאַפּנדיקן סיפּור־המעשה און די אַלע היסטאָרישע פּרטים, מיט וועלכע דער פאַרפאַסער איז מכבד דעם לייענער. צוליב דעם איז קיין חידוש ניט, וואָס אין אַ נאָטיץ אויף דער מענדעלע־רשימה פון 1999 פאַרצייכנט דער לינגוויסט און יידיש־קענער סטיווען דזשייקאָבסאָן דעם

3 דער פאַקט, וואָס טאַנענבוים לאָזט צו־מאָל אָפּטייטשן אין האַלבע לבנות דייטשמערישע ווערטער (למשל ז. 208: ״הערדען (סטאַדעס)״), איז מסתמא אַ סימן, אַז ביי זיין איבערזעצן דאָס פראַנצויזישע ווערק האָט ער זיך למעשה באַנוצט מיט אַ דייטשישער אויסגאַבע.



# א רייזע

## אַרום דיא וועלט אין 80 טעג.

אַ אינטערעסאַנטע, אַנציעהענדע אונד בעלעהרענדע רייזע בעשרייבונג פון אינדיען, כינאַ, יאַפּאַן אונד נאָרד־אַמעריקאַ.

פרייא בעאַרבייטעט אויס דעם פראַנצויזישען נאָך דעם בעריהמטען שריפטשטעללער

זשול ווערן

פון

**א. טאַנענבוים.**

דרוק אונד פערלאַג פון

דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,

50־52 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

50-52 Eldridge St., NEW YORK.

ראָמאַן ווי ״אַ גאָר גוט חסידיש יידיש ביכל״[4]. אָבער ווער עס לייענט דעם ראָמאַן מיט מער אויפמערק, שטויסט זיך בלית־ברירה אָן אויף סתירות אינעם מחברס אָפּמשלען די געשעענישן און אויף אַזעלכע אַנאַכראָניזמען ווי אַשטייגער שלמה מיימונס פאָרן קיין בערלין מיט דער ״באַן״ (ז. 620), אָדער אַז די גזלנים, וואָס באַפאַלן אים צום סוף פונעם ראָמאַן, ניצן ״רעוואָלווערס״ (ז. 850). קיין באַנען זענען אין 18טן יאָרהונדערט ניט געווען, שוין אָפּגערעדט פון רעוואָלווערס. ביידע זאַכן זענען אויסגעפינסן פונעם 19טן יאָרהונדערט. איז צי קען געמאָלט זיין, אַז אַ מחבר, וואָס איז זיך טועה אין אַזעלכע וויכטיקע פרטים, זאָל זיין מסוגל אויסצוטראַכטן אַזאַ קאָמפּליצירטע מעשה ווי **אליין אין וואלד**? מסתמא ניט! האָב איך אָנגעקלונגען אין פאַרלאַג האַרבסט 1999, בעת מיין שמיטה־זמן אין ניו־יאָרק, און זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם מחבר ישראל מענדלאָוויטש. האָט מיר אַ פאַרטרעטער פונעם פאַרלאַג העפלעך אָפּגעענטפערט איבערגעבנדיק ערשטנס, אַז דער מחבר פון **אליין אין וואלד** איז אַ בחור פון אַ יאָר דרייסיק, און צווייטנס, אַז דער נאָמען ״ישראל מענדלאָוויטש״ איז אַ פסעוודאָנים, און דריטנס, אַז דער ראָמאַן גופא איז אַנטשטאַנען דורך איבערמאַכן אַן עלטער יידיש ווערק. דעם טיטל פון יענעם ווערק האָט דער פאַרלאַג־פאַרטרעטער כלומרשט פאַרגעסן, און דעם מחברס אמתן נאָמען האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אָנצורופן.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען דעם מקור פון **אליין אין וואלד**. נאָכזוכנדיק אַלץ, וואָס עס האָט זיך געדרוקט וועגן דעם הויפּטהעלד, דעם פילאָסאָף שלמה מיימון, מער־ווייניקער אין פאַרלויף פון די לעצטע 100 יאָר, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דעם ווערק **שלמה מיימון (היסטאָרישער ראָמאַן)** פון שאול ספיר (= סאַפּיר, 1895-1974), אַרויסגעגעבן אין 1954, און תיכף געקענט דערגיין אויף זיכער, אַז דאָס איז דער מקור פונעם חרדישן ראָמאַן **אליין אין וואלד**. אַ כמעט אידענטישער אויפבוי און אַן אַ שיעור בוכשטעבלעכע פאַראַלעלן צווישן די צוויי ביכער, אפילו מער ווי צווישן **אַרום די וועלט אין אַכציג טעג** און זיין מקור, ווייזן אָן, אַז **אליין אין וואלד** איז ניט קיין אָריגינעלע ליטעראַרישע שאַפונג, נאָר עס איז אַ באַאַרבעטונג פון ספירס היסטאָרישן ראָמאַן.

4 “[A] very good Hassidic Yiddish book”.

## 2. די חרדישע באַאַרבעטונג פונעם מקור

### א. טעקסט־דורכלאָזן

טראָץ די אומגעציילטע פּאַראַלעלן איז קיין איינער פון די צוויי חרדישע ראָמאַנען ניט אינגאַנצן אידענטיש מיט זיין מקור. יעדערער פון די באַאַרבעטער האָט פאַרענדערט זיין שטאָף אויף אַ גאַנץ בולטן אויפן. דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, זענען די השמטות: צו־מאָל האָט דער באַאַרבעטער דורכגעלאָזט אָדער פאַראייַנפאַכט פּאַסירונגען און שילדערונגען, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו לאַנג אָדער צו פּרטימדיק, ווי אַ שטייגער אין די פאָלגנדיקע פאַלן.

אין דעם פאַל פון זשול ווערנס ראָמאַן געפינט מען ביי טאַנענבוימען (ז. 164):

דער ׳קאַרנאַטיק׳ איז ארויסגעפֿאהרען פֿון האָנג־קאָנג אום אכט אוהר, וויא מען האט געזאגט אין טיקעט אפּיס, און איז געגאנגען זעהר שנעל מיט פֿולען דאמפף גלייך קיין יאָקאָהאַמאַ. דער שיפּס קאַפּיטאן האט געוואלט אניאגען דיא צייט, וואס ער האט פֿערלארען אין האָנג־קאָנג דורך דיא רעפאראטור פֿון׳ם קעסעל. ער איז דאהער געפֿאהרען זעהר שנעל.

ווען דער פּראוויאנט מייסטער איז ארומגעגאנגען דיא קאַיוטען זעהן, אויב אלע פּאַסאַזשירען זיינען דא אויפֿ׳ן שיף, האט ער געפֿונען, אז צוויי קאַיוטען זיינען לעדיג. ער האט נאכגעקוקט אין דיא פאסאזשיר ליסטע און האט געפֿונען, אז דיעזע צוויי קאַיוטען האט גענומען אַ פאסאזשיר מיט׳ן נאמען פֿילעאַס פאָגג.

און ביי בערמאַנען (ז. 255):

דער ׳קאַרנאַטיק׳ איז אַרויסגעפאָרן פון האָנג קאָנג אום אַכט אַזייגער אָוונט, אַזוי ווי מען האָט געזאָגט אינעם טיקעט אפיס, און איז געפאָרן זייער שנעל מיט פולן דאַמפּ גלייך קיין יאָקאָהאַמאַ. דער שיפס קאַפּיטאַן האָט געוואָלט אָניאָגן די צייט, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין האָנג קאָנג, ער איז דערפאַר געפאָרן זייער שנעל.

צוויי הערליכע צימערן אין די ערשטע קלאַס זענען געווען ליידיג, דאָס זענען געווען די צימערן וואָס האָבן געהערט צו אַ פּאַסאַזשיר מיט׳ן נאָמען פילעאַס פאָגג, וועלכער איז קיינמאָל נישט אָנגעקומען.

אין דעם פאַל פון דעם צווייטן ווערק, דאָרט וואו שלמה מיימון פאַרפירט אַ שמועס מיט זיין טאַטן וועגן דעם טאַטנס שכן, געפינט מען ביי ספּירן (ז. 192):

ער האָט איינגעזען וויפיל צרות איך האָב דורכגעמאַכט זינט דאַן, ווען איך האָב ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט הייראַטן מיט זיין הינקנדיקער רחלן... זיין מיטעלע טאָכטער, פּעסל, איז נאָך אַלץ אַ כלה, און זי געפינט זיך נאָך אויך ביי אים אין הויז. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער זוכט אַ לערער פאַר זיינע צוויי טעכטער, פאַר פּעסלען און פאַר רחלען.

דאַקעגן זשע ביי מענדלאָוויטשן (ז. 381) בלויז:

ער האט איינגעזען וויפיל צרות איך האב דורכגעמאכט זינט דאן, ווען איך האב נישט

געוואלט אז דו זאלסט חתונה האבן מיט זיין הינקענדיגע טאכטער רחל׳ן... ער האט מיר געזאגט, אז ער זוכט א מלמד פאר זיינע צוויי קינדער.

אינטערעסאַנטער זענען אָבער די פאַלן, אין וועלכע די חרדישע מחברים האָבן דורכגעלאָזט אָדער געביטן עפּעס, וואָס פּאַסט ניט פאַרן חרדישן וועלטבאַנעם. דאָס זענען קודם־כל מער־ווייניקער עראָטישע באַגעגענישן, ווי צום בײַשפּיל די סצענע, וואו די שיינע אינדישע בת־מלכה אַאודאַ און פילעאַס פאָגג רעדן וועגן חתונה האָבן:

פֿילעאַס פֿאָגג האט זיך אויפֿגעהויבען פֿון זיין שטוהל. אין זיינע אויגען האט זיך אנגעצונדען אַ זאנדערבארעס פֿייער. זיינע ליפען האבען געציטערט, זיין הארץ האט שטארק געקלאפט און זיינע באקען האבען אנגעהויבען צו גליהען.

דיא עהרליכע, טרייע, ליעבענדע ווערטער פֿון דער יונגער פֿרוי האבען איהם איבערראשט. זיא האט איהם ערקלערט איהר ליעבע אזוי איינפֿאך, אזוי אפֿענהערציג און אזוי ווארם, אז ער איז געבליעבען שטעהן אייניגע מינוט, וויא צומישט. ער איז געשטאנען אַ פאר מינוטען, וויא פֿערשטיינערט. זיין הערץ איז געשפרונגען פֿון ליעבע און גליק. ענדליך איז ער געקומען צו זיך. ער האט גענומען איהר האנד, האט זיא צוגעפרעסט צום הארצען און האט געזאגט:

— יא, אַאודאַ! איך ליעב דיך, זייט איך האב דיך דערזעהן, זייט איך האב דיך דערקענט. דיר צוליעב וויל איך לעבען! וועגען אונזער ליעבע וויל איך ווייטער אנהויבען צו קעמפפֿען און צו לעבען.

אַאודאַ איז איהם ארויפֿגעפֿאלען אויפֿ׳ן הארצען.

(טאַנענבוים, ז. 283)

פ״גל:

פילעאַס פאָגג האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, די ווערטער פון אַאָודאַ האָבן אים איבערראַשט, אַז ער איז געבליבן שטיין געציילטע מינוט ווי צעמישט, ער איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוטן, ווי פאַרשטיינערט, זיין האַרץ איז געשפרונגען, ענדליך איז ער געקומען צו זיך, און האָט געזאָגט:

״יאָ, אַאָודאַ! איך האַלט זייער פון דיר, זייט איך האָב דיך דערזען האָב איך אין דיר דערקענט איידלקייט און באַשיידנקייט, צוליב דיר וועל איך לעבן! איך וועל ווייטער אָנהויבן צו קעמפפן און צו לעבן.״

פילעאַס פאגג איז געוואָרן אַ חתן! — אַאָודאַ אַ כלה!

(בערמאַן, ז. 415)

אויך ביי ספּירן געפינען מיר אַזעלכע סצענעס, ווי למשל אינעם עפּיזאָד (זז. 353-344) אין וועלכן אַן אומבאַקאַנטע פרוי ראַטעוועט דעם העלד, שלמה מיימון, פון וואַרפן זיך אין אַ האָלענדישן קאַנאַל אַריין צוליב אַ טיפער מרה־שחורה און זי ווערט דערנאָך פאַרליבט אין אים מיט גרויס ליידנשאַפט. שלמה מיימון זאָגט זיך אָבער אָפּ און לאָזט איר וויסן:

> ווען אַ מאַן דערזעט אַ פרוי איז די ערשטע זאַך וואָס ציט אים צו איר איז איר שיינער פּנים און קערפּער. ער טראַכט אפילו ניט וועגן איר שיינעם גייסט, וועגן איר געלערנטקייט און קלוגשאַפט. (ז. 351)

אין **אליין אין וואלד** איז דער דאָזיקער עפּיזאָד פֿאַרביטן געוואָרן דורך אַ באַגעגעניש מיט אַ פרעמדן מאַנצביל, וואָס האַלט אָפּ שלמהן פון זעלבסטמאָרד (זז. 696-690), אינגאַנצן אָן עראָטישע קאָנאָטאַציעס, פאַרשטייט זיך. אויך אין אַנדערע פאַלן האָט דער חרדישער באַאַרבעטער אַרויסגענומען פרויען לטובת מענער, אַ שטייגער צום סוף פונעם ראָמאַן, וואו "די איינציקע וועלכע איז געווען פאַראינטערעסירט אין שלמה מיימאָן איז געווען הענריעטאַ, די יינגסטע טאָכטער פון משה מענדעלזאָן" (ספּיר, ז. 425). ביי מענדלאָוויטשן איז דאָס ניט משה מענדעלסאָנס אַ טאָכטער, נאָר "הענריך, דער אינגסטער זון פון משה מענדעלזאן" (ז. 838). מענדלאָוויטשעס איינגעהאַלטנקייט קעגן "נשים" טרעפט ניט בלויז דערוואַקסענע, נייערט אויך קינדער. אַזוי למשל אין דער שילדערונג פון אַ יישובניק, מיט וועמענס קינדער שלמה מיימון האָט געלערנט יונגווייז: "באלד איז אין שטוב אריינגעקומען א אינגל פון צען יאר, מיט א שמוציג העמעדל" (מענדלאָוויטש, ז. 369). ביי ספּירן פאַרקערט "האָט זיך אין שטוב אַריינגעלאָזן אַ מיידל פון אַ יאָר צען, אַ באָר וויסע [= באָרוועסע], מיט אַ שמוציק קליידל" (ז. 187).

אחוץ דעם איז אינטערעסאַנט מענדלאָוויטשעס אופן צו באַגיין זיך מיט משה מענדעלסאָנען, אַ גאָר וויכטיקע געשטאַלט אין ספּירס ראָמאַן. פאַרשטייט זיך, אַז אַ חרדישער שרייבער ווי מענדלאָוויטש קען זיך ניט דערלויבן אויסצודריקן וואָסערע־ניט־איז פּאָזיטיווע דעה מכוח דער השכלה בכלל און דעם הויפּט־משכיל, משה מענדעלסאָן, בפרט. דערפאַר איז קיין חידוש ניט, וואָס מענדלאָוויטש רופט אים אָן "א שרעקליכער אפיקורס" (ז. 678) און אַז זיין שיטה איז "פינסטער" (ז. 777). לגבי מענדעלסאָנען איז **אליין אין וואלד** אָבער ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן: אָט אַשטייגער ווערן זיי ביידע (ז. 673), מענדעלסאָן און שלמה מיימון, אָנגערופן "גרויסע פילאזאפן", פונקט אַזוי ווי ביי ספּירן (ז. 337). אפּנים האָט מענדלאָוויטש פּשוט ניט באַוויזן צו באַזייטיקן די אַלע פּאָזיטיווע דערמאָנונגען פונעם אָריגינאַל.

צו־מאָל האָט ער ניט איבערגעאַנדערשט, נאָר זיך באַנוגנט מיט אַן אַריינגעפלאָכטענער באַמערקונג אין פאַרקערטע קאָנטיקע קלאַמערן צום ביישפּיל: "ער האט געלערנט אין ישיבות, און דאן האט ער זיך ]ליידער![ גענומען צו השכלה" (מענדלאָוויטש, ז. 640); פ"גל ספּיר: "ער האָט געלערנט אין ישיבות, און דאַן האָט ער זיך גענומען צו השכלה" (ז. 318).

### ב. טעקסט־צוגאָבן

די חרדישע באַאַרבעטער, בערמאַן און מענדלאָוויטש, האָבן ניט נאָר באַזייטיקט, אלא אויך צוגעגעבן. פאַראַן ביי זיי צוויי מיני צוגאָבן: נאַראַטיווע — צוגעגעבן אויף אויסצוברייטערן אָדער מאַכן פליסיקער די דערציילונג — און באַלערנדיקע, אַזעלכע וואָס




זאָלן צופּאַסן דעם סיפּור־המעשה צו די חרדישע פֿאָרשטעלונגען, ווי־אַזוי די וועלט באַדאַרף צו זיין. גאָר וויכטיק איז די ראַם, וואָס גייט אַרום דעם באַאַרבעטן טעקסט. ביי בערמאַנען באַשטייט די ראַם פֿון אַ פֿאָרוואָרט מיט אַן עפּילאָג. דאַקעגן ביי מענדלאָוויטשן באַשטייט די ראַם פֿון צוויי עפּיזאָדן מיטן זעלביקן מאָטיוו: איינער אַליין און אויף צרות אין אַ פֿינצטערן וואַלד. אין ביידע עפּיזאָדן האָט שלמה מיימון פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד און ווערט דאָרט געטרודפּט. אינעם ערשטן עפּיזאָד, נאָך קינדווייז, ווערט ער דאָרט פֿאַרפֿאָלגט פֿון אַ פּריץ און זיינע משרתים, אינעם צווייטן, שוין צום סוף פֿון זיין לעבן — פֿון גזלנים, וואָס האָבן בדעה צוצונעמען ביי אים דאָס געלט און אים דערהרגענען. די דאָזיקע ראַם, וואָס יעדער חרדישער באַאַרבעטער האָט אַליין אויסגעטראַכט[5], דינט דעם צוועק אָנצואווייזן דעם לייענער וואָס צו דרינגען פֿונעם ראָמאַן. סיי ביי בערמאַנען און סיי ביי מענדלאָוויטשן לאָזט זיך אויס די מעשה מיט אַ מוסר־השכל: ״פֿון טאָן אַ טובה פֿאַר אַ צווייטן קומט אַרויס נאָר גוטס״ (בערמאַן, ז. 447) און ״אז מ׳הייבט אן נאכצולאזן פֿון מסורת אבות, קען מען זיך מיטאמאל זען ׳אליין אין א וואלד׳ פֿון שטעכעדיגע דערנער און בייסיגע שלענג, וואס פֿירן דעם מענטש ביז זיין ביטערן סוף״ (מענדלאָוויטש, ז. 854).

### ג. אָרטאָגראַפֿישע שינויים

זייער אויסגעהאַלטן האָבן די חרדישע באַאַרבעטער צוגעפּאַסט דעם טעקסט פֿון זייער מקור צום חרדיש־יידישן אויסלייג, וואָס איז ענלעך צום אויסלייג אין וועלטלעכע יידישע שריפֿטן אין דעם ערשטן פֿערטל 20טן י״ה. להיפּוך צום כּלל־יידיש שרייבן בערמאַן און מענדלאָוויטש:

— <א> אַנשטאָט <אַ> / <אָ> (ניט אויסגעהאַלטן)[6]

— <פ> אַנשטאָט <פּ> / <פֿ> (לגבי <פּ> ניט אויסגעהאַלטן)[7]

5 אמת, אויך ספּירס ראָמאַן פֿאַרמאָגט אין אָנהייב (זז. 25-26) אַזאַ מעשה וועגן דעם, ווי־אַזוי שלמה מיימון געפֿינט זיך איינער אַליין אין אַ פֿינצטערן וואַלד צווישן שונאים, אָבער זי קומט פֿאָר מיט פֿיר יאָר פֿריער ווי אין דעם דאָזיקן סיפּור־המעשה, און אַזוי אַרום איז זי ניט קיין פֿעסטער טייל פֿון דער נאַראַטיווער קייט ווי ביי מענדלאָוויטשן.

6 בערמאַן שרייבט אָפֿטער <אַ>/<אָ> ווי דעם פּשוטן <א>. מענדלאָוויטש ניצט בלויז <א>.

7 בערמאַן שרייבט אָפֿטער <פּ> ווי דעם פּשוטן <פ>. מענדלאָוויטש ניצט בלויז <פ>.

— <יי> אַנשטאָט <יי> / <ײַ>

— ניט קיין <בֿ, כֿ, שׂ, תּ>

— אַ שטומען <א> אויך וואָרט־אין

— די טיילן פון צונויפהעפטן באַזונדער (ניט אויסגעהאַלטן)

— אַן אַפּאָסטראָף פאַר פאַרשידן־מיניקע ענדונגען (פלעקסיעס, סופיקסן) (ניט אויסגעהאַלטן)

— <ע> פאַר אַ טראַפּיקן ל און *נ* (ניט אויסגעהאַלטן)

— אַ שטומען <ה> (ניט אויסגעהאַלטן)

— <־יג> אַנשטאָט <־יק>

— <־ליך> אַנשטאָט <־לעך>

— <אי־> אַנשטאָט <יִ> וואָרט־איין

— ניט קיין עפּענטעטישן קאָנסאָנאַנט אין <אונז>, <אונזער>, <אינזל>, <גאַנז>, <האַלז>, <פינסטער>, <פענסטער> (כלל־יידיש: <אונדז>, <אונדזער>, <אינדזל>, <גאַנדז>, <האַלדז>, <פינצטער>, <פענצטער>)

— <אַביסל>, <אַפּאָר>, <אַסך>/<אַסאַך> (אויף כלל־יידיש לייגן זיך אויס דער אומבאַשטימטער אַרטיקל און דער סובסטאַנטיוו באַזונדער)[8].

### ד. עצם־שפּראַכיקע שינויים

אין אַ היפּשער צאָל פאַלן האָבן די חרדישע באַאַרבעטער איבערגעאַנדערשט לעקסישע איינסן (סתם ווערטער), שפּראַכיקע (קלאַנגיקע און מאָרפאָלאָגישע) פאָרמעס און סינטאַקטישע קאָנסטרוקציעס פון זייער מקור כדי שפּראַכלעך צו דערנענטערן דעם טעקסט פאַר זייערע לייענער.

טיילמאָל האָבן די חרדישע באַאַרבעטער אויסגעקליבן ווערטער, פאָרמעס און סינטאַקטישע קאָנסטרוקציעס, וואָס צום טייל זענען זיי פאַראַן אויך אויף כלל־יידיש, אַשטייגער ווען בערמאַן פאַרבייט טאַנענבוימס *נאַכריכט* (ז. 1), *מינץ* (ז. 1), *געזעצע* (ז. 4), *קיין רויבער* (ז. 12) מיט — *באַריכט* (ז. 9), *מטבע* (ז. 9), *געזעצן* (ז. 15), *נישט קיין רויבער* (ז. 27) און מענדלאָוויטש פאַרבייט ספּירס *אַריבער געפּטרט* (ז. 5), *אַ פאַרזעעניש* (ז. 110), *איינגעלאַדן* (ז. 110), *און ער האָט געגעסן* (ז. 6) מיט — *דורכגעלאפן* (ז. 17), *נישט קיין איידעלע* (ז. 235), *איינגעלאדנט* (ז. 236), *עסענדיג* (ז. 20).

בפרט פאַרעלטערטע דייטשמעריזמען און דער סאָרט סלאַוויזמען, וועלכע צווישן אַמעריקאַנער חרדים פונעם 21טן י״ה זענען זיי שוין ניט אָנגענומען, ווערן פאַרביטן. אַזוי אַשטייגער מאַכט בערמאַן פון *וועלט מעער* (טאַנענבוים, ז. 54) און *אהן צאָלל (פּאָשלינע)* (טאַנענבוים, ז. 132) — *וועלט ים* (ז. 94) און *אָן שטייער* (ז. 206) און מענדלאָוויטש פאַרבייט *קאָזיראָק* (ספּיר, ז. 182), *אָפּרייזן* (ספּיר, ז. 191), *דייזע* (ספּיר, ז. 222) מיט *באנד* (ז. 359), *אפּפארן* (ז. 379), *שיסל* (ז. 435). אויך נעמען ווערן פון צייט צו צייט פאַרביטן

8 ווייטערע פּרטים ביי קראָג (אין דרוק).

אָדער איבערגעאַנדערשט; אַזוי למשל מאַכט בערמאַן פֿון *פּאַספּאַרטו* (טאַנענבוים, ז. 83) פּאַספּאָרטו (בערמאַן, ז. 131, אויסגעהאַלטן, אָבער מסתמא על־פּי טעות) און מענדלאָוויטש פֿון *דאָבע* און *שווערזשען* (ספּיר, זז. 8, 77) *מרים* און *חצקל* (*מענדלאָוויטש*, זז. 23, 164). די צוויי לעצטע נעמען האָבן מסתמא אויסגזען מענדלאָוויטש צו אַלטפֿרענקיש.

פֿונעם באַאַרבעטערס קוקווינקל, וואָס דאָס ווערק איז ניט זיין אייגענע שאַפֿונג, נאָר אַן איבערמאַכונג פֿון אַן אַנדער מקור, זענען אַזעלכע ענדערונגען אינגאַנצן ניט קיין חידוש[9].

אַ סך אָפֿטער אָבער האָבן בערמאַן און מענדלאָוויטש זיך באַניצט מיט ווערטער, פֿאָרמעס און סינטאַקטישע קאָנסטרוקציעס, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זייער חרדישן (״אונגאַרישן״) יידיש — שטריכן, וואָס אויף כלל־יידיש זענען זיי אָדער ניט כשר אָדער פּשוט ניט בנמצא. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אַ לינגוויסטישן שטאַנדפּונקט זענען אַזעלכע ענדערונגען אינטערעסאַנטער פֿון די פֿריער באַנהאַנדלטע. זיי באַווייזן זיך אין תחום פֿון ווערטער־אוצר, ווי אויך בייגונג און סינטאַקס.

וואָס שייך דעם קלאַנגען־באַשטאַנד, וואָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין שריפֿט, איז ניטאָ קיין ממשותדיקער אונטערשייד צווישן טאַנענבוימען און ספּירן פֿון איין זייט און זייערע באַאַרבעטער, בערמאַן און מענדלאָוויטש, פֿון דער אַנדערער זייט. ביי אַלע פֿיר מחברים שפּיגלט אָפּ די גראַפֿישע סיסטעם דעם כלל־יידישן קלאַנגען־באַשטאַנד און די כלל־יידישע פֿאַרטיילונג פֿון די קלאַנגען. אין געציילטע פֿליטת־הקולמוס פֿאַלן אָבער אַנטפּלעקט זיך דער צענטראַל־יידישער אָפּשטאַם פֿון די צוויי באַאַרבעטער (וואו די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס ווייזן אָן אויף דער צענטראַל־יידישער (און דרום־מיזרחדיקער) אַנטוויקלונג פֿון [ו] צו [י]):

1) ‹י› אַנשטאָט ‹ו›, למשל: *אין* (בערמאַן, ז. 12) אַקעגן *און* (ביי טאַנענבוים, ז. 3), *אַרויסגעשפּרינגען* (ז. 42) אַקעגן *אַראָפּגעשפּרונגען* (טאַנענבוים, ז. 22); *אינטערזיכונג* (*מענדלאָוויטש*, ז. 43; ביי ספּירן אָן אַן אַנטשפּרעכונג), *פֿאַרבינדענעם* (ז. 52; ביי ספּירן ווידער ניטאָ)

2) היפּערקאָרעקטער ‹ו› אַנשטאָט ‹י›, למשל: פּונקטליכע (בערמאַן, ז. 18) אַקעגן *פּינקטליכע* (טאַנענבוים, ז. 6), *אונטערנאַציאָנאַלע* (ז. 388; ביי טאַנענבוימען אָן אַן אַנטשפּרעכונג); *יונגעלע* (*מענדלאָוויטש*, ז. 29) אַקעגן *ייִנגעלע* (ספּיר, ז. 9), *געמוטליך* (ז. 31; ביי ספּירן אָן אַן אַנטשפּרעכונג)

3) [י] > [ע] פֿאַר [כ], למשל: בערמאַן: *געדעכטער* (ז. 99) אַנשטאָט *געדיכטער* (ביי טאַנענבוים, ז. 60); *פֿאַרדעכטן* (*מענדלאָוויטש*, ז. 25; ביי ספּירן אָן אַן אַנטשפּרעכונג)

9 ווען בערמאַן פֿאַרבייט *נאַכריכט* מיט *באַריכט* (זען אויבן) און מענדלאָוויטש *טינטער* (ספּיר, ז. 122) מיט *טינט* (*מענדלאָוויטש*, ז. 260), איז דאָס מסתמא אַ סימן, אַז זיי האָבן ניט אין יעדן פֿאַל פֿאַרשטאַנען גענוי די שפּראַך פֿון זייער מקור.

4) עפּענטעטישער [ע] פֿאַר [כ], למשל: *הויעך*: (מענדלאָוויטש ,ז. 32) אַקעגן *הויך* (ספּיר, ז. 25[10]), *געקאָלעכט* (ז. 504; ספּיר, ז. 257: *געקאַלכט*)

5) ספּאָראַדיש אַרויספֿאַלנדיקער [ה] וואָרט־איין אין אומאַקצענטירטע און ווינציק אַקצענטירטע ווערטער, קענטיק דערעיקרשט אינעם אופֿן אויסצולייגן די אַנטשפּרעכונגען פֿון כלל־יידיש *הינטער* און *ערשט* (מיט אַ היפּערקאָרעקטן <ה>): *אונטער* (בערמאַן, ז. 138) אַקעגן *הינטער* (טאַנענבוים, ז. 87), *הערש* (בערמאַן, ז. 144; ביי טאַנענבוימען אָן אַן אַנטשפּרעכונג); *אינטער* (מענדלאָוויטש, ז. 359) אַקעגן *הינטער* (ספּיר, ז. 182), *הערשט* (מענדלאָוויטש, ז. 148) אַקעגן *ערשט* (ספּיר, ז. 70).

## 3. דער שפּראַכיקער גילגול פֿון אַ וועלטלעכן טעקסט אין אַ חרדישן

ווען בערמאַן און מענדלאָוויטש פֿאַרבייטן געוויסע ווערטער, ענדונגען און סינטאַקטישע קאָנסטרוקציעס פֿון זייער מקור מיט די אַנטשפּרעכיקע עלעמענטן פֿון זייער חרדישן יידיש, טוען זיי דאָס בהסכם מיט יענע שפּראַכיקע פֿאָרמעס, וואָס זענען אָנגענומען אין ס׳רוב אַנדערע פּובליקאַציעס פֿון דער סאַטמאַרער סביבה אין ניו־יאָרק, קודם־כּל אין די וואָכן־צייטונגען **דער איד** און **דער בלאַט**.

### א. ווערטער־אוצר

ס׳רוב לעקסישע איינסן, מיט וועלכע די באַאַרבעטער האָבן פֿאַרביטן די ווערטער פֿון די צוויי ביכער (ווי אויך יענע וואָס זיי האָבן אַליין צוגעגעבן), זענען אַנגליציזמען, אַנטליִענע פֿון דער שפּראַך, וואָס די סאַטמאַרער יידן ניצן אין זייער טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיטן ניט־יידישן אַמעריקאַנער אַרום. די מערהייט פֿון זיי זענען סובסטאַנטיוון און ווערבן. צום ביישפּיל ביי בערמאַנען —

*רעסטאָראַנט* (ז. 185), *טיטשער* (ז. 22), *לייברערי* (ז. 435), *עקסערסייז* (ז. 22), *פֿאַרדאָופּט* (ז. 142), *קאַטן* (ז. 176), *קעיס* (ז. 163), *קעש געלט* (ז. 19)

אויפֿן אָרט פֿון טאַנענבוימס —

*בופֿעט* (ז. 119), *לעהרער* (ז. 8), *ביבליאטהעק* (ז. 295), *פֿעכטען* (ז. 8), *בעטייבט* (ז. 90), *בוימוואלל* (ז. 113), *פּראצעס* (ז. 105), *באארעס געלד* (ז. 7).

און ביי מענדלאָוויטשן —

*בעיסמענט* (ז. 226), *גלאוב* (ז. 123), *נעפּיו* (ז. 129), *סטייל* (ז. 236), *סעט* (ז. 291), *פּעני* (ז. 21), *פֿלאר* (ז. 368), *קאוטש* (ז. 151)

10 אמת, ביי ספּירן איז דער שפּראַכיקער קאָנטעקסט ניט אינגאַנצן דער זעלביקער.

*קעלער* (ז. 106), *גלאָבוס* (ז. 57), *פּלימעניק* (ז. 60), *סטיל* (ז. 110), *גאַנג* (ז. 137), *גראָשן* (ז. 7), *פּאָדלאָגע* (ז. 186), *עקיפּאַזש* (ז. 72).

*אַקאונט* (בערמאַן, ז. 16) און *מעסעדזש* (מענדלאָוויטש, ז. 435) זענען ביישפּילן פון ווערטער, וואָס די באַאַרבעטער אַליין האָבן צוגעשטעלט ווייל קיין אַנטשפּרעכיקע פּאָרמעס זענען אין זייער מקור ניטאָ.

שוין טאַנענבוימס איבערזעצונג פון אַרום 1910 איז כולל אַ היפּשע צאָל ענגלישע לייוווערטער, אָפטמאָל ווי גלאָסעס אין האַלבע לבנות. אין זשול ווערנס ראָמאַן האָבן די געשעענישן ווי באַוואוסט אינגאַנצן ניט קיין שייכות צו מיזרח־אייראָפּע, און קיין יידן באַווייזן זיך ניט אינעם ראָמאַן. דאַכט זיך, אַז צוליב דעם איז טאַנענבוימען, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ שטענדיקער תושב אין אַמעריקע, אָנגעקומען גרינגער אַריינצונעמען אַלץ מער לייוווערטער פון זיין ענגליש־שפּראַכיקן אַרום.

דער וואָקאַבולאַר פונעם סאַטמאַרער יידיש אין אַמעריקע פאַרמאָגט אַ סכום באַזונדערע ווערטער, וואָרטפאָרמעס און וואָרט־באַטייטן, וועלכע שטאַמען פון דער אַלטער היים אין אונגאַרן און רומעניע[11] און מיט וועלכע דער סאַטמאַרער יידיש טיילט זיך בפירוש אויס פונעם וועלטלעכן יידיש אין אַמעריקע. ביי בערמאַנען און מענדלאָוויטשן קען מען אויפווייזן די ווייטערדיקע פאַלן:

— *אַלעס* (כלל־יידיש: *אַלץ*) ביי בערמאַן (ז. 37) און ביי טאַנענבוים (ז. 18); *אַלעס* ביי מענדלאָוויטש, (ז. 20) פאַרבייט *אַלץ* ביי ספּיר (ז. 6).

— *ברוינפּן* (כלל־יידיש: *בראָנפן*) ביי מענדלאָוויטש, (ז. 22) בעת ביי ספּירן אין אַנדערע פאַלן (למשל ז. 8) דורכאויס *בראָנפן*.

— *בונדל* (כלל־יידיש ווערט אַנשטאָט דעם געניצט *באָב/בעבל*): ביי בערמאַן (ז. 88) דאָרט וואו ביי טאַנענבוים (ז. 50) *קערנער קאַפֿע*; מענדלאָוויטש (ז. 18) פאַרבייט דערמיט *בולבעס* ביי ספּיר (ז. 5).

— *ענדערש* (כלל־יידיש: *אַנדערש*) פאַרבייט אין בערמאַן (ז. 268) טאַנענבוימס (ז. 175) *לייעבער*; מענדלאָוויטש (ז. 40) פאַרבייט דערמיט ספּירס (ז. 11) *בעסער*.

— *עספּיען* 'באַווייזן, מצליח זיין' (*אוספּייען* אויף כלל־יידיש איז ווייניקער פּאָרמעל) ביי מענדלאָוויטש (ז. 844; אָן אַן אַנטשפּרעכונג ביי ספּיר).

— *פאַרציילן* (כלל־יידיש: *דערציילן*) ביי בערמאַן (ז. 176; אָן אַן אַנטשפּרעכונג ביי טאַנענבוימען); מענדלאָוויטש (ז. 18) פאַרבייט דערמיט ספּירס (ז. 5) *גערעדט*.

— *פון דאָ* (כלל־יידיש: *פון דאַנען / פון דאַנעט*) פאַרבייט ביי בערמאַן (ז. 129) טאַנענבוימס (ז. 82) *פון דאַנען*; דאָס זעלבע ביי מענדלאָוויטש (ז. 80: *פון דא*) אַנטקעגן ספּיר (ז. 32: *פון דאַנען*).

11 פ״גל: בעראַנעק (1941), וויינרייך (1964), הערצאָג (1965), בן־נון (1973), עסטרייך (2007) און עסטרייך (2007-2008)

— *קאָך* (כלל־יידיש: *קיך*) ביי מענדלאָוויטשן (ז. 246) פֿאַרבייט ספּירס (ז. 115) *קיך*.

— *קראַנט* 'פֿאַרלאָזלעך' (אויף כלל־יידיש זעלטן) ביי בערמאַן (ז. 10; אָן אַן אַנטשפּרעכונג ביי טאַנענבוימען).

— *ליגנט* (כלל־יידיש: *ליגן*) ביי מענדלאָוויטשן (ז. 46) בעת ביי ספּיר (ז. 13) *ליגן*.

— *רישן* (כלל־יידיש: *ריכטן*) ביי בערמאַן (ז. 435: *גערישט*) אַנשטאָט טאַנענבוימס *גערעשט*[12] (ז. 295); ביי מענדלאָוויטשן *רישן* (ז. 83; ספּיר, ז. 33: *ריכטן*).

— *טרעפֿן* 'געפֿינען' (אייף כלל־יידיש נאָר מיט די באַטייטן 'באַגעגענען', 'אָנשטויסן זיך'): מענדלאָוויטש, ז. 676 (ספּיר, ז. 338: *געפֿינען*).

## ב. בייגונג

### I מערצאָל פֿון סובסטאַנטיוון

לגבי דעם ענין מערצאָל פֿון סובסטאַנטיוון זענען צווישן בערמאַנען און מענדלאָוויטשן פֿון איין זייט און זייער מקור פֿון דער אַנדערער זייט קיין קענטיקע אונטערשיידן ניטאָ. פֿויער בייגט זיך אין מערצאָל ניט ווי אויף כלל־יידיש *פֿויערים*, נאָר לויטן דרומדיקן שטייגער *פֿויערן* (למשל ביי מענדלאָוויטשן, ז. 20). די מערצאָל־ענדונג פֿון ענגליש־שטאַמיקע סובסטאַנטיוון איז געוויינטלעך *־ס*, אַלצאיינס צי דער סובסטאַנטיוו פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ שטימיקן צי מיט אַן אומשטימיקן קלאַנג (בשעת־ווען אויף ענגליש ווערט דער רבים־סופֿיקס אין אַזעלכע פֿאַלן, ווי באַוואוסט, אַרויסגערעדט מיט אַ z- און אַ s- אין דעם סדר), למשל ביי בערמאַנען: *בונגעלאָס* (ז. 97; טאַנענבוים, ז. 57: בונגאַלאָ'ס), *דראָגס* (ז. 129; טאַנענבוים, ז. 82: *אָפּיום און האַשיש), עלעקשאַנס* (ז. 310; טאַנענבוים, ז. 204: *וואַהל (עלעקשן)*).

### II מין און בייגפֿאַל

איינער פֿון די הויפּט־סימנים פֿונעם היינטצייטיקן סאַטמאַרער יידיש אין אַמעריקע (און אַנדערע ערטער[13]) איז דער צונויפֿגאָס פֿון מינים און בייגפֿאַלן ביים באַשטימטן אַרטיקל, ביי אַטריבוטיווע אַדיעקטיוון, ביי אַ טייל פּראָנאָמען, דער עיקר *וועלכער* און *יענער*, און ביים צאָלוואָרט *איינער*. אינעם גערעדטן לשון איז דער צונויפֿגאָס אָפּטמאָל דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אַלע מינים און בייגפֿאַלן איז דער באַשטימטער אַרטיקל געוואָרן [də] און די ענדונג פֿון די אַנדערע ווערטער [-ə] (אין לשון־רבים אוודאי אויך). אין דער געשריבענער שפּראַך פֿון די סאַטמאַרער יידן איז דאָ אַן אמתדיקער פּלאָנטער פֿון פֿאָרמעס, וועלכער באַווייזט קלאָר, אַז די רעדערס האַלטן ביים אָנווערן דעם קדמונישן חוש פֿאַר פֿאַרשידענע מינים און בייגפֿאַלן. סאַמע פֿאַרשפּרייטע פֿאָרמעס פֿונעם באַשטימטן אַרטיקל זענען <די> און <דער>, ביי אַטריבוטיווע אַדיעקטיוון, די פּראָנאָמען און דעם צאָלוואָרט *איינע,ר* די ענדונגען <־ע> און <־ער>.

12 *רעשן* שטאַמט ווי באַוואוסט פֿון לשון־קודש. קיין שייכות צו *ריכטן/רישן* איז ניטאָ.

13 וועגן ענגלאַנד: מיטשעל (2006: 101-108, 121-221, 124, 130-131).

ביי בערמאַנען און מענדלאָוויטשן זענען אין עטלעכע פֿאַלן געבליבן די פֿאָרמעס פֿון זייער מקור. ניט געקוקט דערויף, וואָס טאַנענבוים און ספֿיר האָבן געשטאַמט פֿון דער ליטע, וואו דער דריטער מין איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, זענען די דאָזיקע פֿאָרמעס ביי די חרדישע ״איבערשרייבער״ געוויינטלעך בהסכם מיט דער יידישער כלל־שפּראַך, למשל אין דעם יידישן זשול ווערן־ראָמאַן:

״מ׳קען זיך לייכט פֿאָרשטעלן, ווי די צערעמאָניע האָט אינטערעסירט דעם נייגעריגן פּראַנצויז, ער [...] איז געבליבן שטיין, ווי צוגענאָגלט צו דער ערד״ (בערמאַן, ז. 99).

״מען קען זיך לייכט פֿארשטעלען, וויא דיעזע הייליגע צערעמאניע האט פֿעראינטערעסירט דעם נייגיעריגען פֿראנצויז, ער [...] איז געבליעבען שטעהן, וויא צוגעוואקסען צו דער ערד״ (טאַנענבוים, ז. 60).

און אין דעם ״שלמה מימון״־ראָמאַן:

״נעבן ריסיעס קרעטשמע האט זיך אפגעשטעלט א פויערישער וואגן. פון וואגן איז אראפ א איד פון פופציג יאר, אינגאנצן באוואקסן מיט האר, וואס האט זיך פארענדיגט מיט א שמוציגער און פעך שווארצער בארד. דער דאזיגער איד איז געווען א ישובניק, פון א דערבייאיגן דארף״ (מענדלאָוויטש, ז. 359).

״לעבן ריסיעס קרעטשמע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּויערשער וואָגן. פֿון וואָגן איז אַרונטער אַ ייד פֿון אַ יאָר פֿופציק, אינגאַנצן באַוואַקסן מיט האָר, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ קאָלטענעוואַטער, שמוציקער און פּעך שוואַרצער באָרד. דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ יישובניק, פֿון אַ דערבייאיקן דאָרף״[14] (ספֿיר, ז. 182).

מער פֿאַרשפּרייט זענען אָבער פֿאָרמעס, וואָס אָפּווייכנדיק פֿון דער כלל־שפּראַך ווייזן זיי אָן אויף דעם מאָרפֿאָלאָגישן צונויפֿגאָס:

אַשטייגער ביי בערמאַנען —

״די שיפֿן פֿון יענע צייט זענען געפֿאָרן מיט זעגלעך״ (ז. 7; ניטאָ ביי טאַנענבוימען).

״האָט מען טאַקע געקענט באַווייזן צו ענדיגן אַזאַ רייזע אין אַזאַ קורצע צייט?״ (ז. 8; ניטאָ ביי טאַנענבוימען).

״אָבער ווען ער האָט געענדיגט זיין רעדע, וועלכעס האָט געוועגליך געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק אויף די צוהערער״ (ז. 17); ביי טאַנענבוים (ז. 6): ״קוים אבער האט ער געענדיגט זיין רעדע, וועלכע האט שטענדיג געמאַכט דעם בעסטען איינדרוק אויף זיינע צוהערער״.

״אַז מען האָט אָנגעהויבן רעדן פֿון אַ ווייטע לאַנד״ (ז. 18); טאַנענבוים (ז. 6): ״קוים האט מען אנגעהויבען צו רעדען פֿון א ווייט לאנד״.

14 אין די צוויי באַאַרבעטונגען איז דאָ אַ נטיה ניט ניט צו בייטן פֿאָרמעס פֿון די מקורים, וואָס פֿאַרטרעטן מענטשן (און, להבדיל, דעם רבונו־של־עולם).

״האָט דאָס גלעקל ביי די טיר אָנגעהויבן צו קלינגען״ (ז. 21); טאַנענבוים (ז. 8): ״דאס עלעקטרישע גלעקעל אין דער טהיר האט אנגעהויבען צו קלינגען״.

״דעם צייטונג פלעגט ער דורכליינען אין אַ האַלבע שעה, דערנאָך האָט מען אים דערלאַנגט דעם ׳סטענדערט׳ אַ דריטער צייטונג״ (ז. 26); טאַנענבוים (ז. 11): ״דיעזע צייטונג פֿלעגט ער דורכלעזען אין [א] האלבע שטונדע. דאן פֿלעגט מען איהם דערלאנגען דעם ׳סטענדארד׳, א דריטע צייטונג״.

״אום זיבן אַזייגער איז די באַן אַרויסגעפאָרן קיין ניו יאָרק מיט׳ן גאַנצן פּאַרע״ (ז. 310); טאַנענבוים (ז. 204): ״דער צוג איז געפֿלויגען, וויא אַ שטורמווינד קיין ניו יארק״.

״אַאָודאַ [...] האָט געכאַפּט איינס פון די רעוואלוועְרס״ (ז. 342); טאַנענבוים (ז. 235): ״אַאודאַ [...] האט געהאַפּט איינעם פֿון דיא רעוואלווערס״.

״ער האָט געוואוסט אַז אין יענע געגענט מאכט זיך אפּט, אַז די אינדיאנער פאלן אן אויף א באַן״ (ז. 343); טאַנענבוים (ז. 235): ״ער האט געוואוסט, אז אין יענע געגענדען מאכט זיך זעהר אפֿט, אז דיא אינדיאנער פֿאלען אן אויף אַן אייזענבאַהן צוג״.

״ער האָט אָבער אין די לעצטער צייט אַזויפיל געליטן״ (ז. 438); טאַנענבוים (ז. 297): ״ער האט אבער אין דער לעצטער צייט אזוי פֿיעל איבערגעליטען״.

## אויך ביי מענדלאָוויטשן —

״ר׳ נפתלי, אן עלטערער איד, מיט א לענגלעכע גרוי־שווארצע בארד און לאנגע פיאות״ (ז. 19); ספּיר (ז. 5): ״ר׳ נפתלי, אַן עלטערער ייד, אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעכער גרוי־שוואַרצער באָרד און לאַנגע פּאות״.

״דער אורח איז געווען אנגעטאן אין א דיקע שווארצע מאנטעל״ (ז. 19); ספּיר (ז. 6): ״דער אורח איז געווען אָנגעטאָן אין אַ דיקער שוואַרצער קאַפּאָטע״.

״ווע́ט פארבלייבן אין זכרון פאר אלע אידן איבער די גאנצע וועלט״ (ז. 24); ספּיר, (ז. 8): ״וועט פאַרבלייבן אין געדעכעניש פאַר אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט״.

״פון אנפאנג איז אים אנגעקומען גאנץ שווער אנצופירן מיט דעם גרויסן ארענדע״ (ז. 121); ספּיר (ז. 52): ״פון אָנפאַנג איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווער צו פאַרוואַלטן דעם גרויסן פּאַכט״.

״נעבן די טיר איז געווען א צימענטענעם אויוועך״ (ז. 126); ספּיר, ז. 59: ״לעבן דער טיר איז געווען אַ ליימענער אויוועלע״.

״מרים האט ארויסגעקוקט דורך די האלב־פארפרוירענעם פענסטער״ (ז. 162); ספּיר (ז. 76): ״דאָבע האָט אַרויסגעקוקט דורך דער האַלב־פאַרפראָרענער שויב״.

״ווען ער האט איצט געהאט א געלעגנהייט ארייינצובליקן אין יענע ספרים, אין וועלכן ער שפירט זיך היימיש דערין״ (ז. 196); ביי ספּיר (ז. 91): ״ווען ער האָט איצט געהאַט אַ געלעגנהייט אַרייינצובליקן אין יענע ספֿרים, וועלכע ווע́לן צו אים זיין צוגענגלעך״.

״ווען שלמה איז ארייינגעקומען אין שטוב, איז אים אנטקעגן געקומען אין פנים א פארשטיקטן גערוך״ (ז. 369; ניטאָ ביי ספּירן).

״דער פרומער איד האט זיך געשטעלט פון דערווייטנס צו זען אויב שלמה וועט

ארויסקומען פון יענעם קרעטשמע״ (ז. 656); ספּיר (ז. 329): ״דער חשובֿער פּרומער ייִד האָט זיך געשטעלט פון דערווייטנס צו זען אויב שלמה וועט אַרויסקומען פון יענעם טראַקטיר״.

ווען, וואו און ווי־אַזוי איז אויפֿגעקומען די־אָ שטאַרק אַרומנעמיקע מאָרפֿאָלאָגישע רעדוקציע? קיין קלאָרער ענטפֿער איז צום באַדויערן ניטאָ. אינעם אַזוי־גערופֿענעם אונטערלענדישן ייִדיש, דהיינו דעם ייִדיש, וואָס מע האָט גערעדט ביזן היינטיקן טאָג אין די אַמאָליקע אונגאַרישע געביטן אין מערבֿ־רומעניע, צפֿון־רומעניע און אין קאַרפּאַטאָ־רוסלאַנד און וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם קערן פֿונעם מאָדערנעם חרדישן סאַטמאַרער ייִדיש, האָט מען נאָך אַלץ פֿונאַנדערגעשיידט די מינים לשון־זכר, לשון־נקבֿה און דעם דריטן מין פֿון איין זייט און די בייגפֿאַלן נאָמינאַטיוו, אַקוזאַטיוו און דאַטיוו פֿון דער אַנדערער זייט. אויף דעם זאָגט עדות דער אונטערלענדישער מאַטעריאַל, וואָס אוריאל ווײַנרײַך און די מיטאַרבעטער זײַנע האָבן אָנגעקליבן אין די 1950ער און 1960ער יאָרן פֿאַרן ייִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס. מעגלעך, אַז די לעבן געבליבענע פֿון פּוילן, וואָס נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאַטמאַרער באַוועגונג אין אַמעריקע און וואָס אין זייער ייִדיש איז שוין געווען אַ טיילווײַזער צונויפֿגאָס פֿון מינים און בייגפֿאַלן, האָבן משפּיע געווען אויפֿן חרדישן סאַטמאַרער ייִדיש, געהאָלפֿן פֿונעם קאָטעריטאָריאַלן ענגליש, וועלכער ווי באַוואוסט פֿאַרמאָגט ניט קיין גראַמאַטישן אונטערשייד צווישן מינים און ביי אַטריבוטיווע ווערטער האָט ניט קיין בייגפֿאַלן. דער פֿאַרלוסט פֿון מינים נעמט זיך אפֿשר אויך פֿון אַ השפּעה פֿון אונגאַריש, וואָס באַגייט זיך אינגאַנצן אָן גראַמאַטישן מין, אין דער אַלטער היים[15].

**III גערונדיוו**

אין כּלל־ייִדיש פֿורעמט זיך דער גערונדיוו שטענדיק מיטן סופֿיקס ־(ע)נדיק, אַלצאיינס וואָס פֿאַר אַ סינטאַקטישע פֿונקציע עס האָט דער גערונדיוו, צום בײַשפּיל:

— *שפּאַצירנדיק אין וואַלד קלייבט דאָס קינד יאַגדעס* (ווערבאַל, אַ צײַט־אָדער אומשטאַנד־באַשטימונג)

— *דאָס שפּאַצירנדיקע קינד* (אַן אַטריבוטיווער אַדיעקטיוו)[16].

אינעם געשריבענעם ייִדיש פֿון פֿאַר דער צײַט אַרום 1950 איז דאָ נאָך אַ סופֿיקס, *־(ע)נד*, אײַנגעפֿירט אין 19טן י״ה פֿון דײַטש. אין מער־ווייניקער דײַטשמערישע טעקסטן ווערט ער גענוצט, ווען דער גערונדיוו זאָל האָבן די פֿונקציע פֿון אַן אַטריבוטיוון

15 אין שייכות מיט זײַן אינטערוויואירן אונטערלענדישע ייִדיש־רעדערס האָט ווײַנרײַך (1964: 262-261) פֿאַרצייכנט ביי טייל אינפֿאָרמאַנטן אַ געוויסע אומזיכערקייט לגבי מינים פֿון סובסטאַנטיוון.

16 זען מאַרק (1978: 334-338).

אַדיעקטיוו, דהיינו ניט דאָס *שפּאַצירנדיקע* קינד, נאָר דאָס *שפּאַצירנדע* קינד. סיי טאַנענבוים און סיי ספּיר ניצן ־*(ע)נ*ד אויסגעהאַלטן אין דער־אָ פונקציע.

ס׳איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פונעם היינטיקן געשריבענעם סאַטמאַרער *יידיש*, אַז להיפּוך צו דער כּלל־שפּראַך איז מען ממשיך זייער אויסגעהאַלטן דעם דייטשמערישן באַניץ פון פאַרשידענע סופיקסן אויף צו שאַפן דעם גערונדיוו, אַזוי טוען דאָס אויך בערמאַן און מענדלאָוויטש. ביי זיי איז דער גערונדיוו אין די צוויי הויפּטפונקציעס אַזוי באַליבט, אַז זיי ניצן אים אפילו אין פאַלן, אין וועלכע ער פעלט אויס אין זייער מקור.

בערמאַן:

״האָט פאַספּאָרטו געענטפערט, ארויסנעמנעדיג פון טאַש אַן אַלט גרויס זילבערנעם זייגער״ (ז. 23); טאַנענבוים (ז. 9): ״זשאַן פּאַספּאַרטו האט ארויסגענומען פֿון דער קעשענע אן אלטע, גרויסע זילבערנע טאַשענאוהר״.

״שטייענדיג דאָרט האָט ער פלוצלינג דערזען ווי דער לוסטיגער פראַנצויז שטייט און קוקט אויף די מאַסן״ (ז. 73); טאַנענבוים (ז. 40): ״ער האט אבער דערזעהן דעם לוסטיגען פֿראנצויז, וויא ער שטעהט און קוקט אויף דיא מענגע״.

״דער וועטער, וואָס איז די גאַנצע צייט פאָרנדיג פון קאַלקוטאַ ביז סינגאַפּאָר געווען זייער שיין״ (ז. 194); טאַנענבוים (ז. 124): ״דאס וועטער, וועלכעס איז דיא גאנצע צייט פֿון קאַלקוטאַ ביז סינגאַפור געוועזן זעהר שעהן״.

״די גאַנצע שפּאַנענדע געשיכטע״ (ז. 8; ביי טאַנענבוימען אָן אַן אַנטשפּרעכונג).

״זייער אַ פאַסענדע באַשעפטיגונג״ (ז. 22); טאַנענבוים (ז. 9): ״א זעהר פאַסענדע בעשעפֿטיגונג״.

״אַ בליענדע און אַ רייכע שטאָט״ (ז. 211); דאָס זעלביקע אין טאַנענבוים (ז. 135).

״און האָבן אָנגעהויבן טאנצן אויף מעסערס, אויף ברענענדע ליכט״ (ז. 277); טאַנענבוים (ז. 181): ״און האבען אנגעהויבען צו טאנצען אויף מעסערס, אויף ברענענדע ליכט״.

מענדלאָוויטש:

״דער אורח האט אויסגעקוקט צו זיין שטארק הונגעריג עסענדיג אלעס וואס זלאטקע האט דערלאנגט צום טיש״ (ז. 20); ספּיר (ז. 6): ״דער אורח איז געווען שטאַרק הונגעריק און ער האָט געגעסן אַלץ וואָס זלאַטקע האָט אים דערלאַנגט״.

און אין די פאָלגנדיקע פאַלן וואו דער טעקסט ביי מענדלאָוויטשן איז כמעט דער זעלביקער ווי ביי ספּיר):

״אוי, זלאטקע, וואס זאגסטו אויף אונזער אומגליק! — האט מרים קלאגנדיג אויסגערופן״ (ז. 50; ספּיר, ז. 15).

״ווען ער האט געזען זיין פאטער ארויסקומענדיג פון געריכט הויז״ (ז. 100; ספּיר, זז. 40-41).

״אז די באטרעפנדע קרעטשמע ברענגט אריין א גוטן איינקונפט״ (ז. 158; ספּיר, ז. 74).

״אז דער פירשט ראדזיוויל וויל מאכן די גאנצע געגנט פון מאהילנע און ארום פאר א *שיינעם* בליענדן פלאץ״ (ז. 217; ספּיר, ז. 101).

״פלעגט ער פון זיי *נישט* באקומען קיין צופרידנשטעלנדן ענטפער״ (ז. 445; ספּיר, ז. 227).

״און מיט וואקלענדע טריט האט ער זיך געלאזט גיין״ (ז. 547; ספּיר, ז. 276).

״ער האט פלוצלונג דערפילט די *שטעכענדע*, דורכדרינגענדע בליקן פון די תלמידים״ (ז. 582; ספּיר, ז. 292).

״מיט א קלאפּענדען הארץ איז *שלמה מיימון* אריינגעקומען אין דעם פאדער־הויז פון מענדעלזאָן״ (ז. 644; ספּיר, ז. 321).

## IV ווייטערדיקע שטריכן פון ווערבאַלער בייגונג

אין געציילטע פאַלן האָט מענדלאָוויטש פאַרביטן ווערבאַלע פלעקסיעס ביי ספּירן מיט בפירוש דרומדיקע ענדונגען. דאָס זענען ערשטנס די ענדונג *־טס* (אַנשטאָט *־ט*) אין דער צווייטער פּערזאָן *מערצאָל* אימפּעראַטיוו[17]:

״ברענגטס אים צו מיר — האט דער ריכטער געזאגט״ (ז. 95); ספּיר (ז. 38): ״פירט אים צו צו מיר — האָט דער ריכטער געזאָגט״.

״און איר, ריסיע ברענגטס א טינט און א פעדער״ (ז. 260); ספּיר (ז. 122): ״און איר, ריסיע, ברענגט אַ טינטער און אַ פעדער״.

״זאגטס מיר, איר האט שוין געלערנט עפּעס קבלה ספרים?״ (ז. 423; ביי ספּירן אָן אַן אַנטשפּרעכונג).

צווייטנס די פורעמונג פון דער ערשטער פּערזאָן מערצאָל אינדיקאַטיוו דורך *אינדז* און אַן ענקליטישן *־עד*, אויסגעלייגט אַזוי: <אונז שרייבן מיר> אַקעגן כלל־יידיש <מיר שרייבן>[18]:

״און איצט דארף מען דאך זען אויסרעכענען וויפיל געלט אונז זענען מיר דיר שולדיג״ (זז. 111-112); ספּיר (ז. 47): ״און איצט דאַרף מען דאָך זען אויסרעכענען וויפיל דיר קומט״.

״פארשטייט זיך, אז אונז דארפן מיר זיך שוין גרייטן צו די חתונה״ (ז. 312; ביי ספּירן אָן אַן אַנטשפּרעכונג).

דווקא די דאָזיקע פאָרמעס, וואָס זיי זענען גאָרניט זעלטן אין היינצייטיקע סאַטמאַרער שריפטן, פעלן אויס ביי בערמאַנען.

17 וויינרייך (1964: 258).
18 וויינרייך (1964: 257-258).

## ג. סינטאַקס

### I אַ *פֿאַר*־קאָנסטרוקציע בימקום אַן אָביעקט אין דאַטיוו

טאַנענבוימס און ספּירס אַ נאָמינאַלער אָביעקט אין דאַטיוו, צי צוזאַמען מיט אַ צווייטן אָביעקט אין אַקוזאַטיוו צי אָן אים, ווערט דורך זייערע באַאַרבעטער, בערמאַן און מענדלאָוויטש, זייער אָפֿט פֿאַרביטן מיט אַ פּרעפּאָזיציאָנעלער פֿראַזע מיט *פֿאַר*. אָט איז אַ ריי ביישפּילן פֿון פֿאַלן, אין וועלכע דער ווערב, וואָס פֿאָדערט דעם אָביעקט אין דאַטיוו, קומט אָדער קען אויך קומען מיט אַן אָביעקט אין אַקוזאַטיוו.

בערמאַן:

״דער צווייטער האָט עס איבערגעגעבן פֿאַר אַ דריטן״ (ז. 12); טאַנענבוים (ז. 3): ״דער צווייטער האט עס איבערגעגעבען אַ דריטען״.

״פּילעאַס פֿאָגג איז לאַנגזאַם אַראָפּגעגאַנגען און האָט באַצאָלט פֿאַר׳ן קוטשער״ (ז. 42); טאַנענבוים (ז. 22): ״פֿילעאס פֿאָגג איז לאנגזאם אראפּגעגאנגען און האט בעצאהלט דעם קוטשער״.

״פּילעאַס פֿאָגג האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש די צוואָנציק פֿונט [...] און האָט זיי דערלאַנגט פֿאַר די פֿרוי״ (ז. 43); טאַנענבוים (ז. 22): ״פֿילעאַס פֿאָגג האט ארויסגענומען פֿון דער קעשענע דיא צוואנציג פֿונט סטערלינג [...] און האט זיי דערלאנגט דער פֿרוי״.

״אויפֿ׳ן וועג האָט ער געהייסן פֿאַר פּאַספּאָרטו צו קויפֿן עטליכע קלייניגקייטן״ (ז. 70); טאַנענבוים (זז. 38–39): ״אויפֿ׳ן וועג האט ער געהייסען פּאספּארטו קויפֿען אייניגע קלייניגקייטען״.

מענדלאָוויטש[19]:

״ר׳ חיים יוסף האט פאר דעם עלטערן זון, ר׳ משה׳ן, איבערגעגעבן די ארענדע״ (ז. 20); ספּיר (ז. 6): ״האָט ר׳ חיים יוסף דעם עלטערן זון, ר׳ משהן, איבערגעגעבן די אַרענדע״.

״יא, אויב דו האסט באקומען באצאלט, ווערסטו ׳מיר׳ אפגעבן דאס געלט, נישט פאר די מאמען״ (ז. 413); ספּיר (ז. 208): ״יאָ, אויב דו האָסט געקראָגן באַצאָלט, ווערסטו מיר אָפּגעבן דאָס געלט, ניט דער מאַמען״.

״איך וועל גיין זאגן פאר די רביצין, אז זי זאל אייך עפעס געבן צו עסן״ (ז. 594); ספּיר (ז. 297): ״איך וועל גיין זאָגן דער רביצין, אַז זי זאָל אייך עפּעס געבן צו עסן״.

״שלמה האט אנגעהויבן צו ערקלערן פאר זיין פרוי א לענגערע אויפקלערונג איבער פיליזאפיע [אַזוי!] און השכלה״ (ז. 777; ביי ספּירן אָן אַן אַנטשפּרעכונג).

19 פֿון צייט צו צייט פֿאַרבייט מענדלאָוויטש אויך פּרעפּאָזיציאָנעלע פֿראַזעס מיט *צו*, למשל: *עס שטייט, אז ער גיט אונז צווי וואכן צייט צו פארלאזן אונזער קרעטשמע, ווייל ער האט עס פארדינגען פאר חצקל* (ז. 164); ספּיר, ז. 77: *עס שטייט, אַז ער גיט אונדז צוויי וואָכן צייט צו פֿאַרלאָזן אונדזער פּאַכט, ווייל ער האָט אים פֿאַרדונגען צו שווערזשען.*

און אָט זענען די ביישפּילן פון פאַלן, אין וועלכע דער ווערב, וואָס פאָדערט דעם אָביעקט אין דאַטיוו, קומט אָן אַ צווייטן אָביעקט.

בערמאַן:

״אין פילע לענדער אין אינדיע איז פאַר די ענגלישער רעגירונג געלונגען צו פאַרבאָטן די שרעקליכע צערעמאָניע״ (ז. 127); טאַנענבוים (ז. 81): ״אין פּיעלע לענדער אין אינדיען איז דער ענגלישער רעגיערונג געלונגען צו פערביעטען דיעזע שרעקליכע צערעמאָניע״.

מענדלאָוויטש:

״דורך די עטליכע טעג וואס דער אורח ר׳ נפתלי האט זיך אויפגעהאלטן אין הויז, איז שטארק געפאלן פאר שלמה׳לען ווי ער דאווענט מיט אזוי פיל פייער און התלהבות״ (זז. 65-64; ניטאָ ביי ספּירן).

״זיי קענען טאן מיט אים וואס עס גלוסט זיך נאר פאר זיי״ (ז. 69; ניטאָ ביי ספּירן).

״די שכינים האבן געהאלפן פאר ריסיע׳ן צו קאכן די פיש און די זופּ״ (ז. 316; ניטאָ ביי ספּירן).

״לאמיר זאגן אז פאר אייך זעלבסט וועט אזעלכע פילאזאפישע סיסטעמען נישט שאטן״ (ז. 680); ספּיר (ז. 340): ״איר פאַרשטייט, עס קען זיין, אַז אייך קענען אַזעלכע פילאָזאָפישע סיסטעמען ניט שאַדטן״.

מיט אַ פּרעפּאָזיציאָנעלער פראַזע מיט *פאַר* ווערט בדרך־כלל פאַרביטן דער דאַטיוו נאָר דעמאָלט, ווען דער אומדירעקטער אָביעקט איז אַ סובסטאַנטיוו אָדער אַן אַנדער סובסטאַנטיוויש וואָרט. זייער זעלטן שטויסט מען זיך אָן אויף אַ זאַץ, אין וועלכן דער באַאַרבעטער האָט פאַרביטן אַ פּראָנאָמינאַלן אָביעקט אין דאַטיוו:

״דעריבער האב איך קיין אנדערע אויסוועג נישט, נאר פאר דיר איבערצוגעבן דאס גאנצע אנפירערשאפט פון דער ארענדע״ (מענדלאָוויטש, ז. 121); ספּיר (ז. 52): ״דעריבער האָב איך קיין אַנדער אויסוועג ניט ווי איבערצוגעבן דיר די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון דער אַרענדע״.

די קאָנסטרוקציע מיט *פאַר* אויפן אָרט פון אַ ״ריינעם״ דאַטיוו איז אַ צענטראַל־יידישער שטריך[20]. אַן אָפטע דערשיינונג איז זי אָבער נאָר אין די סאַמע דרומדיקע קאַנטן, אין אונגאַרן און רומעניע, וואו מע האָט זי געקענט הערן ביזן היינטיקן טאָג[21].

## II אַנאַפאָרישער מין: *עס / דאָס* בימקום *ער, זי, זיי*

סיי אויף כלל־יידיש און סיי אין די מיזרח־אייראָפּעאישע דיאַלעקטן פאַרטרעטן די

20 וויינרייך (1964: 255). איך האָב זי אַליין פאַרצייכנט אין די רייד פון צוויי פּוילישע יידן, וואָס איינער פון זיי האָט געשטאַמט פון גער און דער צווייטער פון פּשיטיק (לעבן ראָדעם).

21 כמה מאָל געהערט און פאַרשריבן פון מיר אין 2009 און 2010 זומער אין די שטעט סיגעט און קלויזנבורג.

פּערזענלעכע פּראָנאָמען *עס* און *ז׳* די סובסטאַנטיוון אין לשון־זכר און לשון־נקבה, אַלצאיינס צי דער סובסטאַנטיוו *שטעלט* מיט זיך פֿאָר אַ *מענטש* צי ניט (אַ חיה, אַ געוויקס, אַ זאַך, אַ באַגריף). אַזויערנאָך קענען *עס* און *ז׳* פֿאַרבייטן ניט נאָר דעם *מאַן* און די *פֿרוי*, נאָר אויך *דעם זייגער* און די *וואַנט*. להיפּוך צו דעם איז אינעם אַמעריקאַנער סאַטמאַרער יידיש דאָ אַן אַנדער מין פֿאַרטיילונג, אַזוי אַז *עס* און *ז׳* פֿערטרעטן נאָר *מענטשן* (*עס* אויך דעם רבונו־*של*־עולם), בעת אַלץ וואָס נאָר אין איינצאָל ווערט אויסגעדריקט דורך *עס* אָדער *דאָס*. *ממילא* האָט בערמאַן אויסגעביטן ס׳רוב פֿאַלן פֿון *עס* און *ז׳* אין זיין מקור, וואָס פֿאַרטרעטן ניט־*מענטשלעכע* סובסטאַנטיוון, אויף *עס* אָדער *דאָס*. דאָס האָט אויך געטאָן *מענדלאָוויטש*, אָבער אַ סך זעלטענער. דוגמאָות:

בערמאַן:

״געבן מיר אַרויס דעם בוך אין אַ קליינעם פֿאָרמאַט, אַז יעדער זאָל זיך קענען ערלויבן דאָס אַליין איינצוהאַנדלען פֿאַר אַ צוגענגליכן פּרייז״ (ז. 8; ניטאָ ביי טאַנענבוימען).

״די גרעסטע צייטונג אין דער וועלט ׳דער טיימס׳, כדי זיי זאָלן עס קענען קויפֿן גלייך ווען ס׳קומט אַרויס פֿון דרוק״ (ז. 11); טאַנענבוים (ז. 2): ״דיא גרעסטע צייטונג אין דער וועלט, ׳דהי טיימס׳, זיי זאלען זיא נעהמען, ווען מען וועט זיא נור ארויסשיקען״.

״פֿלעגן זיי שוין קיינעם נישט לאָזן זיך זעצן נעבן זיין *טיש*, ווי גלייך ער וואָלט עס אָפּגעקויפֿט״ (ז. 26); טאַנענבוים (ז. 11): ״פֿלעגען זיי שוין קיינעם ניט לאזען זיך זעצען לעבען זיין *טיש*, גלייך וויא ער וואלט איהם אפגעקויפֿט״.

״ווען דער אַרטיקל איז ערשינען האָט עס געמאַכט אַ *שטאַרקן* איינדרוק אויף יעדן״ (ז. 50; ניטאָ ביי טאַנענבוימען).

״ער איז געווען אַ געבוירענער פֿון דער געגנט און האָט עס גוט געקענט״ (ז. 135); טאַנענבוים (ז. 86): ״ער איז געווען אַ געבאָרענער פֿון דיעזער געגענד און האָט זיא זעהר גוט געקענט״.

״ווילסטו האָבן דעם עלעפֿאַנט? נעם עס! איך גיב עס דיר אַלס מתנה״ (ז. 152); טאַנענבוים (ז. 96): ״ווילסט דו האָבען דיעזען עלעפֿאַנט? — נעהם איהם! איך *שענק* איהם דיר״.

״ער האָט געכאַפּט דעם מאַטראָז׳ס האַנט, עס געדריקט און אויסגערופֿן הויך״ (ז. 206); טאַנענבוים (ז. 132): ״ער האט געחאַפּט דעם פּילאָט׳ס האנד, האט זיא געדריקט און האט אויסגערופֿען אין דער הויך״.

מענדלאָוויטש:

״ער זאגט, אז דער ביבער איז אויסערגעווענליך גרויס. ער וועט עס ברענגען צו מיר ביינאכט״ (ז. 38); ספּיר (ז. 10): ״ער זאָגט, אַז דער ביבער אין [אַזוי!] אויסערגעוויינטלעך גרויס. ער וועט אים ברענגען צו מיר ביינאַכט״.

״עס *שטייט*, אז ער גיט אונז צוויי וואכן צייט צו פארלאזן אונזער קרעטשמע, ווייל ער האט עס פארדינגען פאר חצקל״ (ז. 164); ספּיר (ז. 77): ״עס *שטייט*, אַז ער גיט

אונדז צוויי וואָכן צייט צו פֿאַרלאָזן אונדזער פֿאַכט, ווייל ער האָט אים פֿאַרדונגען צו שווערזשען".

"דער וועג האט אויסגעקוקט ווי עס ענדיגט זיך נישט" (ז. 205; ניטאָ ביי ספּירן).

אַ סברא, אַז אינעם סאַטמאַרער יידיש האָט זיך געביטן די מיטשטימונג לויטן מין צווישן סובסטאַנטיוון און זייערע פּראָנאָמינאַלע פֿאַרטרעטערס דערעיקרשט אין רעזולטאַט דערפֿון, וואָס די דריי מינים פֿון די סובסטאַנטיוון האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איינעם (פֿ"גל אויבן). אין אַזאַ סיטואַציע וואָלט טעאָרעטיש געקענט קלעקן איין פּראָנאָם, *עס*, ווי אויף אונגאַריש (ő). אַזוי ווייט איז מען אָבער ניט דערגאַנגען. אַנשטאָט דעם איז אַריין אין דער סאַטמאַרער יידישער גראַמאַטיק אַ חילוק פֿון מענטשלעך ביז ניט־מענטשלעך: אַלץ וואָס מענטשלעך ווערט פֿאַרטראָטן דורך *ער* אָדער *זי*, דאָס רעשט — דורך *עס* אָדער *דאָס*.

אויך וועלטלעכע יידיש־רעדערס אין אַמעריקע באַניצן זיך אָפּטמאָל מיט *עס* ווען זיי מיינען פֿאַרבייטן ניט־מענטשלעכע סובסטאַנטיוון אין לשון־זכר און לשון־נקבה[22]. די סיבה דערפֿון דאַרף אָבער זיין אַ השפּעה פֿון ענגליש, וואָרן להיפּוך צום חרדישן סאַטמאַרער יידיש איז אינעם וועלטלעכן אַמעריקאַנער יידיש קיין צונויפֿגאָס פֿון די דריי מינים ניטאָ.

אינגאַנצן עפּעס אַנדערש איז, דאַכט זיך, דער פֿאַקט, וואָס בערמאַן האָט אין אַ היפּשער צאָל פֿאַלן פֿאַרביטן מיט *עס* ניט נאָר *ער* און *זי*, נאָר אויך דעם רבים *זיי*, אַשטייגער:

"זענען די באַדינער אים גלייך אַקעגנגעגאַנגען, אַראָפּגענומען זיין הוט און רעקל און עס אויפֿגעהאָנגען אויפֿ'ן באַשטימטן פּלאַץ" (ז. 25; ניטאָ ביי טאַנענבוימען)

"מיט עטליכע הונדערט יאָר צוריק זענען די קאַווע בוימער געוואַקסן ווילד אַרום די שטאָט, די איינוואוינער האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די בונדלעך, זיי האָבן עס פּרובירט צו עסן אָבער ס'האָט נישט געהאַט קיין שום טעם" (ז. 88); טאַנענבוים (זז. 49-50): "צוריק מיט עטליכע הונדערט יאהר איז דער קאַפֿע געוואקסען גאנץ ווילד ארום דער שטאדט. דיא איינוואוינער האבען ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט דיא קערנער קאַפֿע. זיי האבען פּראבירט זיי עסען — זיי האבען קיין שום טעם ניט".

"זיי האבן עטליכע מאל געזען פון דערווייטנס גאַנצע סטאדעס 'ביזאנס', די אמעריקאנער רופן עס בופעל אקס" (ז. 316); טאַנענבוים (ז. 208): "זיי האָבען עטליכע מאָל געזעהן פֿון דער ווייטענס גאנצע העערדען (סטאַדעס) ביזאָנעס, אמעריקאנישע ווילדע אקסען. דיא אמעריקאנער רופֿען זיי בופֿעל אקסען".

"פּיקס האָט אָנגעכאַפּט פּילעאַס פֿאָגג'ס הענט און האָט עס אָנגעהויבן צו קושן" (ז. 446); טאַנענבוים (ז. 302): "פּיקס האט אנגעחאַפּט פּילעאַס פֿאָגג'ס הענד און האט זיי אנגעהויבען צו קושען".

22 פֿ"גל קאַץ (1993: 257).

ביי מענדלאָוויטשן איז דאָ אַ זאַץ, אין וועלכן ער ברענגט אַריין *עס* דאָרט וואו דער פּראָנאָם איז געווען אויסגעמיט, אַ מין נול־פּראָנאָם, ביי ספּירן, וואָס איז גלייך צו *זיי*:

״חיים יוסף האָט אַרויסגענומען עטליכע גילדן פון זיין לעדערנעם טאַש און האָט עס איבערגעגעבן פאַר יהושע׳ן״ (ז. 185); ספּיר (ז. 86): ״חיים יוסף האָט אַרויסגענומען עטלעכע גילדן פון זיין לעדערנעם טאַש און האָט איבערגעגעבן יהושען״.

די דאָזיקע נטיה איז, לויט אַנדערע סאַטמאַרער מקורים, אין וועלכע איך האָב זיך אַריינגעקוקט, זייער פאַרשפּרייט. פון ענגליש קען זי זיך ניט נעמען צוליב דעם, וואָס אויף ענגליש איז אַזאַ נטיה ניטאָ. באַקומט זיך, אַז אָדער האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ סאַטמאַרער אינאָוואַציע פון די לעצטע יאָרצענדליקער, אָדער די סאַטמאַרער האָבן דאָס גירשנט פון דער אַלטער אונטערלענדישער היים[23].

## III דער ווערטער־סדר אין באַדינגזאַצן מיט אויב

אויף כלל־יידיש און אין די מיזרח־אייראָפּעאישע דיאַלעקטן בכלל קען זיך אַ באַדינגזאַץ אָנהייבן אויף דריי פאַרשידענע אופנים:

1) מיט אַ סוביונקציע *(אויב, ווען, אַז, באם)*, אַשטייגער:

— *אויב (ווען, אַז, באם) ער וועט זיך ניט קויפן קיין נייעם אויטאָ, וועל איך ניט פאָרן מיט אים.*

2) מיטן אַדווערב *טאָמער*, אַשטייגער:

— *טאָמער וועט ער זיך ניט קויפן קיין נייעם אויטאָ, וועל איך ניט פאָרן מיט אים*[24].

3) מיטן בייגעוודיקן ווערב, אַשטייגער:

— *וועט ער זיך ניט קויפן קיין נייעם אויטאָ, וועל איך ניט פאָרן מיט אים.*

אינעם ערשטן פאַל קומט נאָך דער סוביונקציע אַ זאַצאיינס און דערנאָך דער בייגעוודיקער ווערב. אינעם צווייטן פאַל קומט נאָך *טאָמער* דער בייגעוודיקער ווערב, ווייל *טאָמער* איז געוויינטלעך ניט קיין סוביונקציע און דער ערשטער זאַץ ניט קיין בייזאַץ, נאָר אַ הויפּטזאַץ. אינעם דריטן פאַל איז דער ערשטער זאַץ יאָ אַ ביירזאַץ, אָבער מיט אַ באַזונדערן ווערטער־סדר.

אינעם געשריבענעם חרדישן סאַטמאַרער יידיש זענען דאָ אַלע דריי אויבנדיקע אופנים צו בויען אַ באַדינגזאַץ, אָבער זייער פאַרשפּרייט איז אַן אָפּנויג, וואָס באַשטייט דערין, וואָס דער באַדינגזאַץ הייבט זיך אָן מיט *אויב*, אָבער דערנאָך קומט ניט קיין

23 דער יידיש־פאָרשער און שרייבער מיכאל פעלזענבאַום האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אויך אין בעסאַראַבישן יידיש קען מען פאַרבייטן *ער, זי* און *זיי* מיט *עס/דאָס*. צי איז דאָ אַ שייכות? דער ענין באַדאַרף מען ווייטער אויספאָרשן.

24 צו־מאָל הערט מען און מ׳שטויסט זיך אויך אָן ביים לייענען אויף פאַלן, אין וועלכע טאָמער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סוביונקציע, למשל ביי עסטרייך (1993: 3): ״דעמאָלט אין די פּופּציקער, איז געווען נאָרמאַל ניט ברוגז ווערן, טאָמער אַן אורח [...] פלעגט אַראָפּפאַלן ווי פונעם הימל״.

זאַצאיינס, נאָר גלייך דער בייגעוודיקער ווערב. סיי בערמאַן און סיי מענדלאָוויטש באַניצן זיך להיפוך צו זייער אָריגינאַל מיט אָט דעם וואַריאַנט, צום ביישפּיל:

בערמאַן:

״אויב האָט ער געוואונען פלעגט ער אַוועקגעבן דאָס געלט פאַר אַן ארימע פאַמיליע אדער פאַר די ארימע אירלענדישע פאַרמער״ (ז. 19); טאַנענבוים (ז. 7): ״פֿלעגט ער געווינען, פֿלעגט ער אוועקגעבען דאס געלד אן ארימער פֿאמיליע אדער צו גונסטען פֿון דיא ארימע אירלענדישע פֿארמערס״.

״ס׳איז קלאָר געשטאַנען אַז אויב קען ער זיך נישט אונטערנעמען עס צו טאָן, קען ער נישט זיין קיין באַדינער ביי פילעאַס פאָגג״ (ז. 37); טאַנענבוים (ז. 18): ״ווען ער טהוט עס ניט, קען ער ניט זיין קיין דיענער ביי פֿילעאַס פֿאָגג״.

״אויב וועלן זיי נישט אָנקומען קיין שאַנכיי האַלב נאָך זעקס, וועט דער פּאָסט דאַמפּער אַוועקפאָרן און פילעאַס פאָגג וועט פאַרלירן אַכט טעג״ (ז. 252); טאַנענבוים (ז. 162): ״ווען זיי וועלען ניט אָנקומען קיין שאַנחאַי האַלב נאָך זעקס, וועט דער פאסט דאמפּֿער אוועקגעהן און פֿילעאַס פֿאָגג וועט פֿערליערן אַכט טעג״.

״אויב גיי איך אים שוין זוכן, קען איך אים נאָך געפינען לעבעדיג״ (ז. 347); טאַנענבוים (ז. 238): ״ווען איך פֿערליער ניט קיין צייט, וועל איך איהם געפֿינען לעבעדיג״.

מענדלאָוויטש:

״איך בין זייער פארזיכטיג, אבער אויב איז באשערט אן אומגליק, קומט עס אן, צי איר זענט פארזיכטיג, צי נישט״ (ז. 17); ספּיר (ז. 5): ״איך בין זייער פאָרזיכטיק, אָבער אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, קומט ער, צי איר זייט פאָרזיכטיק, צי ניט״.

״האט זי געהאלטן פאר א גרויסע מצוה צו קענען באדינען אן אורח, בפרט אויב האט ער אין אירע אויגן אויסגעזען צו זיין א צדיק״ (ז. 19); ספּיר (ז. 6): ״זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצווה צו קענען באַדינען אַן אורח, בפרט ווען ער האָט אין אירע אויגן געשיינט צו זיין אַ צדיק״.

״נאר אויב וועט מען דארפן צולייגן א האנט וועלן מירביידע דאס טאן״ (זז. 134-135); ספּיר (ז. 64): ״נאָר טאָמער וועט מען דאַרפן צולייגן אַ האַנט וועלן מיר ביידע דאָס טאָן״.

״אייניגע האבן אים געראטן, אז ער טאר אזא עוולה נישט פארשווייגן, ווייל אויב זאל זיך אט די דאזיגע גנבה איינגעבן, וועט ער ביי דעם נישט בלייבן״ (ז. 142); ספּיר (ז. 68): ״אייניקע האָבן אים געראַטן, אַז ער טאָר אַזאַ עוולה ניט פאַרשווייגן, ווייל אויב אים זאָל זיך אָט די דאָזיקע גנבה איינגעבן, וועט ער ביי דעם ניט בלייבן״.

אויך אין ציטזאַצן האָט זיך בערמאַן צו־מאָל באַניצט מיט דער אָפּווייכנדיקער קאָנסטרוקציע, צום ביישפּיל:

״ווען איז ער אוועקגעגאנגען פופציג טריט, האָט פילעאַס פאָגג באַגעגנט מיסטער

פיקס!״ (ז. 302); טאַנענבוים (ז. 198): ״קוים איז ער אוועקגעגאַנגען פּוּפֿציק שריט, האָט ער בעגעגענט — מיסטער פּיקס!״.

איז פון וואַנען נעמט זיך די־אָ קאָנסטרוקציע? אוממעגלעך, אַז זי זאָל שטאַמען פון ענגליש, ווייל אויף ענגליש סדרט זיך אויס אַ באַדינגזאַץ פונקט אַזוי ווי אויף כלל־יידיש — מיט אַ סוביונקציע, אַ זאַצאיינס (דעם סוביעקט) און דעם בייגעוודיקן ווערב. ביז אַהער האָט זיך די יידיש־פאָרשונג ניט פאַרנומען דערמיט. דאַכט זיך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שטריך, וואָס די סאַטמאַרער (אָדער אַנדערע, וואָס זענען צו זיי צוגעשטאַנען) האָבן מיטגעברענגט פון מיזרח־אייראָפּע. מחוץ דעם חרדישן סאַטמאַרער יידיש איז מיר לעת־עתה באַקאַנט די קאָנסטרוקציע נאָר פון קאַ. צעטניקס אַ ראָמאַן:

״אויב האָט זי דאָס נישט פאַרשטאַנען, וועט ער איר דאָס באַלד געבן צו פאַרשטיין״.
(קאַ. צעטניק 1958: 268)
״קיינמאָל מאַכט אַ מוזלמאַן נישט צו די אויגן. אויב הייבט ער נאָר אָן מיט זיי צו קוקן ווי אַ ׳פילאָזאָף׳ קוקט ער שוין מיט זיי, אָט אַזוי לעולם ועד״. (קאַ. צעטניק 1958: 333).

מסתמא איז זי אַנטשטאַנען דורך דעם, וואָס מע האָט נאָכגעפורעמט די אויב־זאַצן נאָך די טאָמער־זאַצן און געמאַכט אויב פאַר אַן אַדווערב[25]. אויך *ווען* (פ״גל אויבן) איז, ווי באַוואוסט, אָט אַן אַדווערב *(ווען קומט זי?)* און אָט — אַ סוביונקציע *(ווען זי שמייכלט, איז ער צופרידן)*.

## 4. אַ וואָרט צום סוף: פּלאַגיאַטן צי באַאַרבעטונגען?

ליינענדיק דאָס אַלץ וואָלט אויסגעזען לאָגיש צו טענהן, אַז די ראָמאַנען פון ״בערמאַן״ און ״מענדלאָוויטש״ זענען גלאַט פלאַגיאַטן אָן קיין שום ליטעראַרישן ווערט[26]. נאָר ווער עס באַצייכנט זיי אַזוי, פאַרזעט אפנים דעם פאַקט, אַז בעת געוויינטלעכע פלאַגיאַטן שרייבט מען, כדי דער עולם זאָל זיי פאַררעכענען פאַר אָריגינאַלן, איז ביי די חרדים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט איבעראַנדערשן עלטערע ליטעראַרישע ווערק, אפנים ניטאָ אַזאַ כוונה. פונקט פאַרקערט. זייער פלאַגיאַט איז אַזוי בולט, אַז אין תוך גענומען איז ער ניט קיין באַהאַלטענע גנבה. מ׳אָנערקענט, אמת ניט אויף אַ געהעריקן אופן, אַז מע האָט באַאַרבעט אַן אַנדער ווערק, אָבער אין דעם פאַל פון **אַרום די וועלט אין אַכציג טעג** לאָזט מען אפילו איבער אַ רמז צוקלערנדיק דעם נאָמען ״יואל בערמאַן״ (פ״גל אויבן). דאַכט זיך, אַז די סאַטמאַרער זענען ממשיך אַן אַלטן

25 אויך בשייכות מיט דער דערשיינונג האָט מיר מיכאל פעלזענבאַום איבערגעגעבן, אַז אין בעסאַראַבישן יידיש ניצט מען די דאָזיקע קאָנסטרוקציע פונקט אַזוי ווי אין חרדישן סאַטמאַרער יידיש. צי איז דאָ אַ שייכות? מע וואָלט באַדאַרפט ווייטער פאָרשן אויף דעם ענין.

26 אַזאַ אָפּשאַצונג למשל ביי עסטרייך (2007) און (2007-2008).

חסידישן מינהג, אַז אַ ליטעראַרישן אינהאַלט מוז מען ניט אויסטראַכטן איינער אַליין און פֿאַר זיך, נאָר מע קען אים איבערנעמען פֿון אַנדערע, באַאַרבעטן און דערלאַנגען ווייטער די קומעדיקע דורות לייענער און באַאַרבעטער[27].

אַזויערנאָך קניפּט זיך מיט אַזוינע ווערק ווי **אַרום די וועלט אין אַכציק טעג** און **אַליין אין וואַלד** אַ קייט — אפֿשר ניט קיין גאָלדענע, אָבער פֿאָרט אַ קייט, וואָס פֿאַרזיכערט דעם קיום סײַ פֿון דער חרדיש־אַדאַפּטירטער דערציילערישער ליטעראַטור און סײַ פֿון דער יידישער שפּראַך.

## ביבליאָגראַפֿיע


### א. פּרימערע מקורים

בערמאַן, יואל 2001 —
*אַרום די וועלט אין אַכציג טעג. אַ שפּאַנענדע ערציילונג פול מיט שטורעמדיגע מאָמענטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מער ווי 130 יאָר צוריק, ווען אַן ענגלישער דזשענטלמאַן האָט זיך פאַרמאָסטן אַרומצופאָרן די גאַנצע וועלט אין בלויז אַכציג טעג, אַן אומדערהערטע ערשיינונג אין יענע צייט*, ברוקלין נ.י.: הוצאת חן.

ווערן, זשול [1873] —
Verne, Jules. *Le tour du monde en quatre-vingts jours*, Paris: J. Hetzel et C$^{ie}$.

ווערן, זשול [אַרום 1925] —
*אונטער דער זון פון אַפריקע אָדער אַ נסיעה אַרום דער וועלט אין 80 טעג.* וויסנשאַפטלעכער ראָמאַן. יידיש: מ. גרין, וואַרשע: א. גיטלין.

טאַנענבוים, א. [אַרום 1910] —
*א רייזע אַרום דיא וועלט אין 80 טעג. אַ אינטערעסאַנטע, אַנציעהענדע אונד בעלעהרענדע רייזע בעשרייבונג פון אינדיען, כינאַ, יאַפּאַן אונד נאָרד־אַמעריקאַ.* פרייא בעאַרבייטעט אויס דעם פראַנצויזישען נאָך דעם בעריהמטען שריפטשטעללער זשול ווערן, ניו־יאָרק: דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני. [http://www.archive.org/details/nybc207512]

מענדלאָוויטש, ישראל 1998 —
*אליין אין וואלד... א אמת׳דיגע געשיכטע פון די דראמאטישע און שפאנענדע איבערלעבונגען פון שלמה מיימון*, ברוקלין נ.י.: אור ישראל פאבלישינג.


27 זען פֿורשיראַזי (2008: 71-77).

ספּיר, שאול 1954 —

*שלמה מיימון* (היסטאָרישער ראָמאַן), ניו־יאָרק: משה־שמואל שקלאַרסקי.
[http://www.archive.org/details/nybc209031]

עסטרייך, גענאַדי 1993 —

*מאָסקווער פּורים־שפּילן,* ראָוון ד'ווילז: דריי שוועסטער פאַרלאַג.

קאַ. צעטניק 1958 —

*דאָס הויז פון די לאַלקעס,* תל־אביב: י.ל. פּרץ־פאַלאַג.


## ב. פּאָרש־ליטעראַטור

בן־נון, יחיאל 1973 —

Bin-Nun, Jechiel. *Jiddisch und die deutschen Mundarten,* unter besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch, Tübingen.

בעראַנעק, פראַנץ י. 1941 —

Beranek, Franz. J. *Die jiddische Mundart Nordostungarns,* Brünn/Leipzig.

דזשעיקאָבסאָן, סטיווען 1999 —

Jacobson, Steven. "[A] very good Hassidic Yiddish book", *Mendele* 08.143, 22.04. 1999.

הערצאָג, מיכל 1965 —

Herzog, Marvin I. *The Yiddish Language in Northern Poland: Its Geography and History,* The Hague.

ווײַנרייך, אוריאל 1964 —

Weinreich, Uriel. "Western Traits in Transcarpathian Yiddish." *For Max Weinreich on his Seventieth Birthday. Studies in Jewish Languages, Literature, and Society,* London/The Hague/Paris, 245–264.

ווײַנרייך, אוריאל 1991 —

"ראָשי־פּרקים פון אַ דעסקריפּטיווער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע", ייִוואָ־בלעטער. נייע סעריע 1, 9-68.

מאַרק, יודל 1978 —

*גראַמאַטיק פון דער ייִדישער כלל־שפּראַך,* ניו־יאָרק.

מיטשעל, ברוך 2006 —

Mitchell, Bruce. *Language Politics and Language Survival: Yiddish among the Haredim in Post-War Britain,* Paris/Louvain/Dudley, MA.

עסטרייך, געני 2007 —

״די שפּראַך פון חסידישער בעלעטריסטיק״, *פאָרווערטס*, 26טער יאַנואַר 2007, ז. 13.

— — 2008-2007 —

״ווי־אַזוי שרייבט מען היינט די חסידישע ראָמאַנען״, *די צוקונפט* 111, 20-25.

פורשיראַזי, קאַטיאַ 2008 —

Pourshirazi, Katja. *Martin Bubers literarisches Werk zum Chassidismus. Eine textlinguistische Analyse,* Frankfurt am Main.

קאַץ, הירשע־דוד 1993 —

*תקני תקנות. פּראַגן פון יידישער סטיליסטיק,* אָקספאָרד.

קראָג, סטעפן 2010 —

Krogh, Steffen. “Zu Form und Gebrauch des Partizips Präsens in der Geschichte der ostjiddischen Schriftsprache. Mit einem Ausblick auf das moderne ultraorthodoxe Schriftjiddisch Satmarer Prägung”, *Zeitschrift für deutsche Philologie* 129, 385-413.

קראָג, סטעפן (אין דרוק) —

Krogh, Steffen. “The foundations of the written Yiddish of the Ultra-Orthodox Satmar Jews.” Marion Aptroot - Björn Hansen (eds.), *Yiddish Language Structures. Empirical Approaches to Language Typology,* Berlin/New York.

*תקנות פון יידישן אויסלייג.* זעקסטער אַרויסקום, ניו־יאָרק 1999